# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואך — פערלאג: חברת „אחיאסף“.

קראקוי, אלול תרס״ב. — פיערטער יאהרגאנג. — Krakau, 11 September 1902.

נומר 37


## אינהאלט:


| | | | |
|---|---|---|---|
| א) דער נאציאנאלפאנד. III. | ש. ראזענפעלד. | ה) די יודישע וועלט. | |
| ב) דאס פראגראם פון דער פראקציע. | י. ל. | ו) ליטעראטור און לעבען. | לצפ״ר |
| ג) טענות און מענות. II. | בעל מחשבות. | ז) אויף איין קווארטיר. (ערצעהלונג). | ה. ד. נאמבערג |
| ד) פון יודישען לעבען אין ארעס. | מענדל לעווין. | ח) ברוך דעם רב׳ס. (פעלעטאן). | גרשון בן גבריאל. |



צוזאמען מיט דיזע־ נומער איז ארויס

די אכטע נומער פון „ד ע ר י ו ד“

# צווייטע ביליגע אויסגאבע

וועלכע ענטהאלט פאלגענדעס:

ליטעראטיקעל: די קאראבקע. א פאלקספריינד. — פ א ל י ט י ש ע ידיעות: דער איטאליענישער קעניג אין בערלין, התונה, צענזור אין טערקיי, פרעמדע מיליטער אין הינא, די געפאנגענע בורען, א משפט וועגען א שטאדט, סטאיעט ניט, עס ווילט זיך זיי, דער פערסישער שאך, די ענגלישע קעניגין. — ק א ר ע ס פ א נ ד א נ צ י ע ס: פעטערבורג, קאלאניע פאוולאוונא. מאהילעוו, אסטראוו. — נ א ט ו ר ו י ס ע נ ש א פ ט: וועגען דער לופט, זיגזאג. פ ו ן י ו ד י ש ע ן ל ע ב ע ן א י ן א ד ע ס. מענדל לעווין. — ד י י ו ד י ש ע ו ו ע ל ט: (געזעצען און משפטים, יודישע קהלות, בילדונג, ציוניסטישע נייעס).— ברוך דעם רב׳ס (פעלעטאן), גרשון בן גבריאל.

דער פרייז פון דעם „יוד“ צווייטע אויסגאבע

### 2 רובעל א יאהר.

דער אבאנענט פון דעם „יוד“ צווייטע ביליגע אויסגאבע, האט אויך דאס רעכט, אזוי ווי דער אבאנענט פון דער גרויסער אויסגאבע, צו אבאנירען דעם מאנאטליכען זשורנאל „די יודישע פאמיליע“ פיר **1 רובעל א יאהר** (מיט פארטא 1.50).

דער פרייז פון דעם „יוד“ צווייטע ביליגע אויס־גאבע אויף א האלב יאהר פון 1 יולי אז ביז ענדע יאהר איז נישט מעהר ווי 1 רובעל. (מיט דעם זשורנאל „די יודישע פאמיליע“ פון אנפאנג יאהר אן 2.50 ר׳).

# „די יודישע פאמיליע“

א מאנאטליכער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.

פערלאג: חברת „אחיאסף“

עס איז ארויס פון דרוק און צושיקט געווארען מיט דער נומער 36 דאס אכטע העפט (2־טעס העפט פון 2־טען באנד).

דער אינהאלט איז פאלגענדער:

| | |
|---|---|
| א) יהודה בן הלוי (געדיכט, היינריך היינע). איבערזעצט | י. ל. ברוכאוויטש. |
| ב) א טעות (ערצעהלונג, פארטזעטצונג). | יהודה שטיינבערג. |
| ג) די צווייטע רות (ביאגראפיע). | י. ח. זאגאראדסקי |
| ד) די פאבריק (עראינערונגען). | אברהם רייזען. |
| ה) שלום יעקב אבראמאוויטש. | גר צדק. |
| ו) ראש חודש. | י. ל. צופעליג. |
| ז) פאר און געגען די פרוי (אפאריזמען, פארטזעטצונג). | ד. פרישמאן |

דער פרייז פון דעם זשורנאל פיר די אבא־נענטען פון „יוד“: יעהרליך נור 1 רובל (מיט פארטא 1.50 רובל).

אדרעססע:

Administration „Die Jüdische Familie“ Krakau, Gertrudy 16.

פיר רוסלאנד: Издательство „Ахiасафъ“, Варшава.

אין ענגלאנד איז צו אַבאָנירען דעם „יוד" און „די יודישע פאמיליע" אויך אַלע אויסגאבען „אחיאסף"
ביי: R. Mazin & Co. London 59 Old Montague str. 59



## שנה חמישית „השלח" 1902

מכתב עתי הדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו"ל: חברת „אחיאסף". העורך: אשר גינצברג.

יצאה לאור ונשלחה לכל החותמים החוברת השמינית (August)

וזה תוכן עניניה:

א) „כתב בית ישראל". ד"ר ש. ברנפלד.
ב) שאלת הכלכלה ומקומה בתנועתנו הלאומית (המשך). ד"ר ח. ד. הורוויץ.
ג) דורות הראשונים. מ. בן־אליעזר.
ד) שפת עבר החדשה (המשך). י"ח טביוב.
ה) „הוי זהיר בתלמוד". פ. גאלדשטיין.
ו) עשרת השבטים (המשך). שמעון מנחם לזר.
ז) תשובה! יהודה שטיינברג.
ח) אל גולי רומניה (שיר). א. רובינזון.
ט) מן המערב (שיחות ספרתיות. י.) ד"ר ש. ב.
י) מחשבות ומעשים (XXVI). רבי, קרוב.
יא) ענינים שונים (מכתב אל העורך. ה. סוכאוואלסקי).

תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו"כ. לחצי שנה — 3 רו"כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.

כתובת חמו"ל:

**Издательство „АХIАСАФЪ", Варшава.**

**Verlag „Achiasaf", Warschau.**

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע"פ הכתבת:

Administration „Der Jude" Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראָנען, 13 מאַרק, 17 פֿראַנק. בארץ ישראל — 15 פֿראַנק. לחצי שנה: הצי המחיר הנ"ל.



## הירורגישע אנשטאלט

וואַרשאַ, מוראנאווסקא נר' 3.

אין דער ניי נעעפֿענטער הירורגישער אנשטאלט אין וואַרשא (מוראנאווסקא נר' 3) ווערען אנגענומען קראנקע אויף פֿערשידענע אפעראציאָנען.

פרייז פער בעט, טעגליך, מיט טיש און ערצטליכער בעהאנדלונג פֿון 1,50 ר' אן, בעזונדערע צימער פֿון 2,50 ר' אן טעגליך. די אפעראציאָנען ווערען אויסגעפֿיהרט דורך

**דר. סאָלאָוויציק.**

587



## שפּינעל־פאבריק

**ל. אידעלזאָן, ווארשא**

ביעליאנסקא נר' 1

עמפפעהלט זיין גראססעס לאגער פאָן שפינעל, שפינעל־גלאס, טרוימאָס אין דעטאַיל אונד ענגרא.

466



**איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשולע נעבסט פענסיאָנאט צו פפינגשטאדט ביי דארמשטאדט.**

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאַלטען גרינדליכע וויסענשאַפטליכע אויסבילדונג אונד רעליגיעזע ערציהונג. בעסטע רעפֿערענצען ביי הערפֿארראגענדען מאָננערן דעם אין־אונד־אויסלאנדעס, זאָוויע ביי פֿריהערען שילערן, די זיך אין אַנגעזעהענען שטעללונגען בעפֿינדען.

505 נעהערעס דורך **דירעקטאר ד"ר בארנאס.**



## כרטיסי־הפוסט עם ציורים

יודישע אנזיכטס־קארטען.

Еврейскiе иллюстр. открытые письма

**Pocztówki żydowskie ilustrowane**

**Jüdische Ansichtskarten**

קונסטפאלל אויסגעפֿיהרט
אין זעהר גראסען אויסוואהל
מיט דער פֿירמא **פֿערלאג אחיאסף ווארשא.**
איז אנגעקומען אונד ווערט פֿערקויפֿט אין „אחיאסף־ס" בוכהאנדלונגען אין ווארשא: טווארדא נר' 6
נאלעווקי איוואנאווי'ס באַזאַר.

פרייז פער קארטע 7 קאפ. פיר 10 שטיק 70 קאפ., פֿריי פּאָרטא.

בוכהענדלער און ווידערפֿערקויפֿער בעקומען ראבאט

דאביי איין זעהר גרויסער אסארטימענט פֿון אַנזיכטסקאַרטען, בילדער גרויסע און קליינע פֿון דעם
**קונסטפערלאג „פעניקס" אין בערלין**
וועלכענס אויסליפֿערונגסלאגער פֿיר גאנץ רוסלאנד:
איז ביי **פֿערלאג „אחיאסף".**



# „PALAESTINA"

Zeitschrift für die culturelle und wirtschaftliche Erschliessung des Landes.

Herausgegeben von **Dr. Alfred Nossig**

ערשיינען יעהרליך 6 העפֿטע. פרייז 1,75 רובל.

ביז יעצט ערשיענען **3 העפֿטע.**

פֿערטרעטונג פיר גאנץ רוסלאנד: פֿערלאג אחיאסף, ווארשא

אדרעסע:

Издательство „Ахiасафъ", Варшава.

Verlag „Achiasaf", Warschau,

פערזענליך: טווארדא נר' 6

אַבטהיילונג: נאַלעווקי, איוואנאָווי'ס באַזאַר.

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 37

דער פרייז פיר רוסלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העללער.
ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ
די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ“, Варшава.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג
פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.
די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

קראקוי, אלול תרס"ב. נומר 37 Krakau, 11 September 1902.

## דער נאציאנאלפאנד.

III.

דאס ציעל פין נאציאנאלפאנד איז — צו קויפען ערד אין ארץ ישראל פאר דאס יודישע פאלק. דאס לאנד דארף פון קיין פריוואט בעלי־בתים ניט וויסען. בנוגע צו לאנד דארף קיינער ניט קענען זאגען: איך בין מעהר מיוחס, מעהר פריין, איך האב דא א גרעסערען חלק.

די מיטלען, ווי אויפצובויען דעם פאנד, מיזען פאסען צום צוועק. דער פאנד אליין דארף אייך קענען הייסען: דאס פערמעגען פון גאנצען פאלק; בנוגע צום פאנד דארף אויך קיינער ניט קענען זאגען: איך בין מעהר מיוחס, מעהר פריין, איך האב דא א גרעסערען חלק.

צוויי הויפטמיטלען זענען אנגענומען געווארען אויפ'ן פינפטען קאנגרעס: דאס ערשטע מיטעל איז — מארקעס. די קאלאניאל-באנק, וואו דאס פאנד-געלד וועט ליגען אלס פקדון, דרוקט אב מיליאנען מארקעס. יעדע מארקע קאסט דעם מעגליכסט קלענסטען פרייז. למשל: אין רוסלאנד — 1 קאפיקע; דייטשלאנד — 5 פעניג; עסטרייך — 2 העלער; ענגלאנד — ½ פענס; אמעריקא — 1 סענט; שווייץ — 5 סענטים א. ד. ג. די מארקעס פערקויפט די באנק נור פאר מזומן. אין יעדער שטאדט געפינען זיך זיכערע שטעלען, וואו מען פערקויפט מארקעס. שפארט א יוד אב א קאפיקע, קען ער זי אוועקגעבען אויפ'ן פאנד. פאר די קאפיקע בעקומט ער א מארקע.

דאס צווייטע מיטעל איז — דאס גאלדענע בוך. גיט א יוד הונדערט רובעל מיט אמאל, ווערט זיין נאמען פערשריבען לדורי־דורות אין דעם גאלדענעם בוך. אייניקליך און אוראייניקליך וועלען וויסען, אז זייער זיידע אדער עלטער זיידע האט להלוטין ציגענומען די האנד פון הארצען, און א גאנצען הונדערטער געגעבען אויפ'ן נאציאנאלפאנד. דאס גאלדענע בוך ווערט אין איין וועגס א "ספר־יוחסין" אויף אמאל...

יודען, רחמנים, זענען דאך רייך אין עצות, האט מען פון נאכ'ן קאנגרעס אן שוין בערג מיט עצות פארגעשלאגען, ווי אזוי צו זאמלען געלד פאר'ן פאנד: פון ברית'ן מיט חתונות, אנזיכטס־קארטען, אויסקויפגעלד אין א תענית, אבשפארען פון "שבת חזון", און נאך א סך אנדערע קליינליכע, כמעט קינדערשע פלענער.

צופלאמט זיך אין יודען זיין יודישער פאטריאטיזם, צופלאקערט זיך זיין נאציאנאל־געפיהל, איז רעכט, אז בשעת־מעשה זאל ער אויס־שיטען אכטצעהן (ח"י) קאפיקעס מיט אמאל אויך. דעמאלט דינגט ער זיך מיט אייך איבערהויפט ניט. ווילט איהר די ח"י קאפיקעס פאר די יפו'ער שולע — געזונדערהייט; ווילט איהר זיי (די ח"י קאפ.) פאר די "פועלים" — עס ארט איהם ניט; ווילט איהר זיי האבען פאר די "נאציאנאל־ביבליאטהעק" אין ירושלים — נעמט; פאר'ן "בן־שמואל" — זעהר רעכט. איצטער וועט איהר זיי וועלען פערטהון אויף דעם נאציאנאל־פאנד מהיכא־תיתי, אז מען שמועסט, דער יוד איז בשעת חדוה, אין התפעלות, איהר פועל'ט ביי איהם וואס אייער הארץ גלוסט; דער עיקר — עס ארט איהם ניט, איהר קענט אייך טהון מיט זיינע ח"י גראשען וואס איהר ווילט.

אזוי די געבער, אזוי די נעהמער און די טהוער. אויף צעהנדלינגע הצטרכות האט מען שוין פארגעשלאגען די ח"י גראשען, היינט גיט מען זיי אהין, מארגען אהער, דערווייל קלעקט ניט דא, ס'קלעקט ניט דארט, און וואוהין מען גיט א קוק, זעהט מען הורבות אויף חורבות...

גענוג דערמיט!

מיר בלייבען ביי די ערשטע צוויי מיטלען, אבער...

מיט איינעם פון די צוויי קענען מיר דאך ניט סימפאטיזירען, כ'מיין מיט'ן "גאלדענעם בוך", איבער פערשידענע טעמים: ערשטענס, דארף ביים נאציאנאלפאנד זיין "דין פרוטה כדין מאה" (הונדערט און איינס דארף זיין אלץ איינס). אלע, פיעל איינע־גיט — דארפען זיין גלייכע מיוחסים; צווייטענס, וואלט שוין צייט געווען, אז בנוגע צום ציוניזם זאל א יוד קענען געבען א מטבע, אפילו ווען ער בעקומט ניט דערפאר קיין וועקסעל אויף "אונישטערבליכקייט"; דריטענס, איז טאקי דער ארימאן, וועלכער גיט הונדערט מאל הונדערט קאפיקעס, מעהר ווערט פערשריבען צו ווערען אין "גאלדענעם בוך" איידער דער גרויסער גביר, וועלכער גיט הונדערט רובעל מיט אמאל; פיערטענס, טארען מיר ניט ווייזען קיין וועג, ניט געבען קיין מיטעל, ווי יענער זאל זיך מיט אמאל קענען אויסקויפען פון זיין חוב געגען פאלק, פטור ווערען פון די צאהלעכטס.

מיר נעהן איבער צום מארקען סיסטעם.

ביי רעגירונגען זענען צווייערליי אבצאהלונגען מעגליך: ערשטענס, פון דער הַכְנָסָה; צווייטענס, פון דער הוֹצָאָה. אדער מען זעהט נאך דעם פערדינסט, וואס איינער האט א יאהר, און דערפון צאהלט ער יעהרליך דער רעגירונג א געוויסען פראצענט. ער צאהלט עס גלייך, פון האנד אין האנד, מיט אמאל, דאס הייסט: דירעקטער אבצאהל. אט אזוי צאהלען סוחרים, למשל, זייער "גילדיע". וואס איינער פיהרט גרעסערע געשעפטען, צאהלט ער אלץ מעהר — אדער מען בעלעגט געוויסע לעבענסמיטלען מיט געוויסע אבצאהלונגען, און פון יעדען ביסיל, וואס איינער פערצעהרט פון די לעבענסמיטלען, צאהלט ער שוין מִמֵילָא א קלייניגקייט דער רעגירונג אויך; דאס צאהלט מען ניט גלייך, פון האנד אין האנד. דער דאזיגער אבצאהל געהט דורך פערשיעדענע הענד, ביז ער קומט צו דער רעגירונג, דאס הייסט: אינדירעקטער אבצאהל. אט אזוי, למשל, אין רוסלאנד, טרינקט איינער א גלעזיל בראנפען, רייכערט א פאפיראס, טרינקט א גלאז טהיי, צאהלט ער אקציז; יודען ספעציעל צאהלען קאראבקע פון יעדען פונט פלייש וואס זיי עסען. דאס צאהלען אלע גלייך, קיין חלוק, איז דער פערצעהרער רייך אדער ארים.

ניט קוקענדיג דערויף וואס די אינדירעקטע אבצאהלונגען קלייבען זיך צונויף ביסליכ־ווייז, בילדען זיי דאך דעם גרעסטען טהייל הכנסה פון יעדער רעגירונג· דער גאנצער כֹּחַ ליגט אין דעם וואס אלע צאהלען.

וואלטען מיר געהאט א מאכט — ניט דַוְקא קיין פאליציילינע — וואלטען מיר בנוגע צום נאציאנאל־פאנד א דירעקטע אבצאהלונג איינגעפיהרט. דער יוֹשֶׁר איז, וואס יענער איז רייכער זאל ער מעהר צאהלען. מיר האבען אבער אזא מאכט ניט. די שטארקסטע מאכט איז דער אינוועניגסטער ווילען; מיר האבען אויך דעם ניט. דער גביר'שער פאטריאטיזם גרייכט — ביז דער קעשענע. מיר זענען דעריבער דאך אנגעוויזען אויפ'ן שוואכען רָצוֹן פון געמיינעם עולם· כדי דעם פאלק מעגליך מאכען צו צאהלען, מוזען מיר איינפיהרען א דירעקטע און א אינדירעקטע צאהלונג, וואו עס ווערט געצאהלט צו ביסליכ־ווייז, אבער וואו אלע דארפען צאהלען. מען דארף נור ווייזען דעם עולם דעם וועג, ארדנען די צאהלונג, וועט זי מיט דער צייט ווערען א מנהג אויף אייביגע צייטען; דער נאציאנאל־פאנד איז באמת א אייביגע אינסטיטוציע פאר'ן יודישען פאלק·

די מארקעס מוזען אויף צוויי אופנים פערשפרייט ווערען:

ערשטענס, מוזען געגרינדעט ווערען חברות "גאוּלַת הָאָרֶץ" אין יעדער שטאדט און שטעדטיל. יעדער יוד, וואו מעגליך יעדער מיטגליעד פון דער פאמיליע, מוז ווערען א חָבֵר אין דער חבריה. יעדער חבר זאל צאהלען ניט ווייניגער פון א קאפיקע א וואך. דער ציוניסטישער קאמיטעט אין יעדער שטאדט מוז עס ארדנען. און יעדער וואך שיקען צו צוויי מענשען אין יעדער גאס, אדער קווארטאל, די וואכער איינצומאהנען. געגען יעדער קאפיקע מוז ארויסגעגעבען ווערען א מארקע; דורך די מארקעס וועט מען קענען קאנטראלירען דאס אנגעקליבענע געלד. די מארקעס דארפען געשטעמפעלט ווערען בשעת מען גיט זיי ארויס; דאס איז א דירעקטע צאהלונג.

צווייטענס, איז עס צוגלייך א אינדירעקטע צאהלונג, און אויף דעם לעגען מיר דאס הויפטגעוויכט. יעדער יוד, יעדעס געשעפט, יעדע פירמע, מוז אויף יעדען בריעף, יעדער פאסט־קארטע, יעדער רעכנונג, אנקלעבען א קאפקענע מארקע פון נאציאנאל־פאנד. יעדע שריפט מוז ארויסגעגעבען ווערען מיט אזא מארקע. דער רב זיינע תשובות, דער קאזיאנער רב זיינע ערלויבענישען אויף א נאמען צו געבען, אונטער דער חופה צו פיה'ען אדער אין דער ערד אריינצולייגען; יעדער מַשְׂכִּיל אויף

# פעלעטאן.

## ברוך דעם רב'ס.

(ענדע).

וַיְהִי הַיּוֹם או ברוך איז אמאל געקומען בַּעֲלוֹת הַבּוֹקֶר צום רב, ווי שטענדיג, איז ער שוין נישט געוועזען אין בעט. דער רב איז געשטאנען פערטראכט נעבען דער שאפע מיט ספרים, ברוך האט הויך געזאגט: "גוט מארגען, רבי", ווי שטענדיג, דער רב האט אבער נישט געענטפערט. ברוך האט נאך צוויי מאל איבערגע'חזר'ט — קיי תשובה. פלוצלינג האט זיך דער רב געטהון א קער צו ברוך'ן און זאגט: "ברוך, מען הייסט מיך פאהרען קיין ירושלים". ברוך'ן איז קאלט געווארען אין די ביינער. מען הייסט איהם פאהרען, ווער הייסט, און בשעת־מעשה האט זיך ברוך אומגעקוקט, אפשר וועט ער עמיצען דערזעהן. ס'איז אבער קיינער נישט געוועזען. ברוך איז ארויסגעלאפען אויף דער שטאדט מיט א פערפלאמט פנים און האט אנגעהויבען אויסצופויקען, או מען הייסט — מִן־הַסְתָּם מִן־הַשָּׁמַיִם — דעם רב פאהרען קיין ארץ־ישראל. א סך מענשען האבען שוין געוואוסט און א געוויסער חסיד וועלכען ברוך האט בעגעגענט נעבען דער מקוה האט אביסיל געשמייכעלט. "כ'האב געהערט", האט ער געזאגט, "או מען האט דעם רב עפיס אונטערגעמסר'ט און פון די הויכע פענסטער הייסט מען איהם אוועקפאהרען". ברוך פלעגט זאגען, או ביז מען וועט איהם לעגען שערבליך אויף די אויגען, וועט ער נישט פערגעסען די חוצפה פון דעם חסיד. ער האט כמעט געציטערט פון כעס, בשעת ער האט דאס דערצעהלט, און האט שטענדיג צוגעגעבען, או ער האט זיך איינגעהאלטען בכל־הכחות, ער זאל דעם עזות־פנים קיין פאטש נישט געגעבען אין פנים: מיילא, ער איז דאך פארט א גביר און א שטיקל בן־תורה.

דער רב איז אוועקגעפאהרען, ברוך האט זיך געוואלט אנהאלטען ביים וואגאן און מיטלויפען, דער זשאנדארם האט איהם אבער אוועקגעיאגט. ער איז געבליבען ווי א יתום, ווי א שיף אהן א רודער. ער איז געווארען זעהר אבגעלאזען, מען האט פשוט געמיינט, ער וועט משוגע ווערען. א גאנצען טאג האט ער זיך ארומגעדרעהט און האט קיין ארט נישט געקענט געפינען, און ביי נאכט פלעגט ער האבען די ערנסטע חלומות, פלעגט רעדען פון שלאף איבער'ן רב, מערת המכפלה, און דאס ווייב האט זיך צוגעהערט אין גרעסטען פחד. ברוך איז נור געוועזען פערטיעפט אין די מחשבות, ווי אזוי בעקומט מען אפאר רובעל אויף הוצאות קיין ארץ־ישראל. ווערען צוריק שוסטער — איז אונמעגליך, ערשטענס, האט ער שוין פערגעסען אפילו, ווי מען האלט א דראטווע אין דער האנד און, צווייטענס, ווי קען מען גלאט נאך אזא גדולה, נאך אזא גרויסקייט ווערען צוריק שוסטער. א סך בעסער איז שוין און בכבוד'ער צו פערנעמען זיך מיט דאקטעריי, אבער נישט אומזיסט, ווי ביז אהער, נאר פאר געלד. בלייבען אבער אין דער היים, אין דערזעלבער שטאדט, וועט ער פאר קיין שום געלד. "כ'האב דא שוין נישט וואס צו טהון", האט ער געזאגט זיינע בעקאנטע. "או מען האט א י ה ם געהייסען אוועק פון דאנען, האט מען אודאי מיך אויך געמיינט, ס'ציהט מיך עפיס קיין ירושלים". און ברוך האט ווארט געהאלטען, ער האט פערקויפט דאס גאנצע ביסיל ארימקייט, האט גענומען דאס ווייב און איז אוועק קיין ווארשוי. דער בן־יחיד איז שוין געוועזען פערוארגט; ער האט געגעסען קעסט ביים שווער און איז געוועזען שמש־בית־דין.

אין ווארשוי האט זיך ברוך מיט'ן ווייב בעזעצט צווישען ארימע לייט אין א ענג שטיבעל און איז געוועזען א גאנץ קליינער בעל־הוצאה. דאס ווייב האט אנגעהויבען ארומצוטראגען צו פערקויפען באב מיט ארבעס

דער אסימילאציע. זי וויל אריינטראגען דעם נאציאנאלען גייסט אין די יודישע קהלות און אין אלע יודישע אינסטיטוציעס און חברות.

די פראקציע בלייבט אבער ניט שטעהן ביי דעם באזעלער פראגראם. זי געהט ווייטער און בעשטימט גענויער דעם וועג, אין וועלכען זי וויל געהן אין איהר ציוניסטישער ארבייט.

איהר פראגראם רוקט ארויס די נאציאנאלע וייט פון ציוניזם. מיט אמונה־זאכען וויל זי זיך ניט אבגעבען. זי האלט אז די אמונה און דער ציוניזם זענען צוויי פערשידענע זאכען. דעריבער פערלאנגט זי, אז דער ציוניזם זאל ניט צוזאמענגעקניפט ווערען מיט אמונה און אז ער זאל זיך געהן אין זיין בעזונדערען וועג. די פרומקייט און די מיינונגען וועגען אמונה דארפען קיינעם ניט אנגעהן. זאל זיך יעדער גלויבען, ווי ער וויל, און זארגען פאר די פרומקייט, ווי ער וויל.

די פראקציע פערלאנגט, אז דער ציוניזם זאל זיך ניט בעהאלטען אונטער פרעמדע נעמען, ער זאל קיינעם ניט מאכען קיין פשרות. זי האלט פאר א חטא, ווען ניט פרומע פערבינדען דעם ציוניזם מיט דער אמונה, כדי צוליעב צו טהון די פרומע, און זי האלט פאר א שאנד, ווען מען שטעלט ארויס דעם ציוניזם צוליעב די רייכע אדער אסימילירטע יודען פאר א צדקה־זאך, מיט וועלכער מען וויל העלפען די ארימע יודען אין מזרח.

דאס פראגראם האלט פאר שעדליך, ווען דער ציוניזם ווערט איבערגעגעבען בלויז אין די הענר פון עטליכע מענשען, אדער ווען ער ווערט געבויט אויף די ארבייט פון איינצעלנע. דאס פערלאזען זיך אויף אנדערע שוואכט נור אב די אייגענע קרעפטען. דער ציוניזם אלס א פאלקסבעוועגונג דארף ליגען אין די הענד פון פאלק און אלץ דארף דורך דאס פאלק אליין געטהון ווערען.

כדי צו הויבען די ארבייט פון פאלק, שטעלט ארויס דאס פראגראם די דאזיגע פאדערונגען:

I. בנוגע צום קאנגרעס און צום קאמיטעט:

ביי די וואהלען צום קאנגרעס מוז יעדער דעלעגאט ארויסגעבען זיין פראגראם, כדי יעדער טהייל ציוניסטען זאל זיך קענען אויסקלויבען נור אזוינע מענשען, וועלכע האבען די גלייכע מיינונג מיט איהם; די קליינע קאנגרעסען, וואס בעשטעהען נור פון די ציוניסטישע פיה־ער, דארפען אבגעשאפט ווערען. די חברים פון אקציאנס־קאמיטעט טארען ניט זיין אין דער הנהגה פון קאנג־עס; אלע חברים פון אקציאנסקאמיטעט דארפען האבען גלייכע רעכטע; די חברים פון אקציאנסקאמיטעט דארפען אויסגעקליבען ווערען דורך שטימצעטליך.

II. בנוגע צו דער באנק ווערט פערלאנגט:

דער אויפזיכסטראטה פון דער באנק דא־ף בעשטעהן נור פון הברים פון אקציאנסקאמיטעט, וואס ווערען אויסגעקליבען אויפ'ן קאנגרעס; דער אקציאנסקאמיטעט טאר ניט איבערגעבען קיין גרינדעראקציען; די צאהל פון שטימען אויף דער אסיפות פון באנק זאל ניט אנהענגען פון דער צאהל אקציעס, נאר פון דער צאהל מענשען; עס זאל בטל ווערען דער פונקט פין די תקנות, אז פאר א דירעקטאר פון דער באנק קען אויסגעקליבען ווערען נור דער, וואס האט א געוויסע צאהל אקציעס.

II. בנוגע צום ציוניסטישען צענטראל־בלאט ווערען ארויסגעשטעלט די דאזיגע פאדערונגען:

דאס ציוניסטישע צענטראל־בלאט איז מחויב צו דרוקען די אפיציעלע ידיעות פון אלע ציוניסטישע פארטייען; די רעדאקטארען פון דעם צענטראל־בלאט דארפען אויסגעקליבען ווערען אויף די קאנגרעסען און דארפען פאר איהם זיין פעראנטווארטליך.

---

פאהרען געזונדערהייט און זאל מצליח זיין. אפילו ר׳ נחמיה׳לי דיין איז צוגעגאנגען צו ברוך׳ן און האט איהם דערלאנגט די רעכטע האנד. „פאהרט געזונדערהייט, ר׳ ברוך״, האט ער געזאגט מיט אביסיל הייזעריגע שטימע „פאהרט געזונדערהייט, ד׳ יצליח דרכך״.

ברוך איז געוועזען אויסער זיך. ער האט נישט געוואוסט, וואס ס׳טהוט זיך מיט אירם: דאס אלטע געלע פנים האט אויפגעלעבט, די טוידטע אויגען האבען אביסיל געגלאנצט. ער און זיינע צוויי פעקליך — אין איינעם דער טלית און תפילין און אין צווייטען דאס ביסיל ארימקייט, זענען געוועזען דער מיטעלפונקט וואוהין אלע האבען געקוקט. און ברוך האט געפיהלט אין יעדען אבר, אז ער איז דער בעל־שמחה. יונגליך אין יונגע לייט זענען געשטאנען אויף די בענק און אויף די טישען, טהייל בעקאנטע האבען ברוך׳ן איינגערו־מט פערשידענע בקשות, טהייל האבען זיך נישט געפילט און האבען אויפגעשריבען זייערע נעמען און בקשות אויף שטיקליך פאפיר און האבען געגעבען ברוך׳ן צו בעהאלטען, ברוך האט צוגעזאגט צו זיין א גוטער שליח פאר אלע ביי דעם כותל־המערבי.

מען האט זיך פון אלע זייטען געשטופט צו איהם ווי צו א גוטען יוד. און מען האט געטרונקען אל׳ץ אין איינעם לחיים.

„לחיים ר׳ ברוך״, האט זיך אנגערופען גאדיל־סופר, א יוד מיט א לאנגער גרייז־גראער בארד, „איהר מאגט זיין ביי זיך גאנץ גרויס, לאו כל אדם זוכה צו פאהרען אויף דער עלטער קיין ארץ ישראל און פטור צו ווערען פון גלגול־מחילות״.

„אודאי״, האט געענטפערט ברוך „געלויבט הש״ת או כ׳האב עס דערלעבט, שוין צעהן יאהר ציהט מיך אהין, ווי א מאגנעט. ס׳ציהט מיך צו דעם צדיק, צום לובלינער רב, ער איז דאך דארט נשיא.

„דער לובלינער רב״, האט זיך אנגערופען א יונגערמאנטשיק, וועלכער פלעגט ברענגען אלערליי נייעס פון צייטונגען, „דער לובלינער רב איז דא נישט לאנג נפטר געווארען אין ירושלים״.

מיט׳ן גאנצען גוף האט זיך ברוך געווענדט צום יונגענמאן, וועלכער האט געבראכט די שרעקליכע בשורה, און איז געווארען ווי פערשטיינערט, ווי פערגליווערט. דאס פנים איז געווארען בלאס ווי קרייד, דאס מויל האלב־אפען און די אויגען צוויי מאל אזוי גרויס, מען האט געמיינט, ער בלייבט אויפ׳ן ארט, ווי דערשלאגען פון א דונער. ס׳האט געדויערט א צוויי מינוט, געדאכט האט זיך, אז ס׳דויערט א יאהר, ענדליך איז ברוך אנידערגעפאלען אויף דער באנק און האט אויסגעבראכען מיט א געוויין, ווי ערב יום כפור צו תפלת־זכא׳. „מה אנו ומה חיינו״, האט ער געחליפעט, משל כחרס הנשבר, ס׳הארץ האט מיר אבער געזאגט, אז כ׳וועל שוין נישט זוכה זיין צו זעהן דעם צדיק, ס׳איז דאך געוועזען לא־קם, אזוינס איז נישט געוועזען און ס׳וועט שוין נישט זיין, א נשיא!״ ברוך האט אלץ אין איינעם געוויינט. און קיינער האט נישט געהאט אפילו דאס הארץ איהם צו טרייסטען.

ברוך איז ענדליך אויפגעשטאנען „ני! ברוך דיין אמת״ האט ער געזאגט מיט א פעסטער שטימע. „נאט איז גערעכט, און זיין משפט איז גערעכט. אודאי וואלט איך בעדארפט געהן צו פיס אויף דעם נשיא׳ס קבר, כ׳האב אבער קיין כח נישט... כ׳שטעה קוים אויף די פיס... ברוך האט זיך איינגעבויגען, האט גענומען אונטער די ארים ביידע פעקליך און איינגעהויקערט איז ער ארויסגעגאנגען פון בית־המדרש. די פיס האבען איהם טאקי קוים געשלעפט. אין בית־המדרש איז געוועזען שטיל ווי פאר תקיעת־שופר.

גרשון בן גבריאל.

---

די פֿראַקציע שטעלט זעהר הויך די קולטורארבייט און האַלט זי פֿאַר אַ וויכטיגען טהייל פֿון ציוניזם. זי פֿערלאַנגט, אַז דער אַקציאָנס־קאַמיטעט זאָל געבען די נויטהיגע מיטלען פֿאַר די קולטור־צוועקען. אין פּראָגראַם זענען אייסגערעכענט די דאָזיגע אַרבייטען:

1. די פֿערברייטונג פֿון דער העבּרעאישער שפּראַך.

2. די קענטניס פֿון יודישע געשיכטע.

3. שטיצע פֿאַר די העברעאישע ליטעראַטור.

4. שטיצע פֿאַר די יודיש־נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אין זשאַרגאָן און אין די פֿערשידענע אייראָפּעאישע שפּראַכען.

5. שטיצע פֿאַר די יודישע קונסט.

6. די גרינדונג פֿון יודיש־נאַציאָנאַלע שולען פֿאַר אַלגעמיינע און יודישע למודים אין ארץ ישראל און אין אַנדערע לענדער.

7. די חקירות און אַגיטאַציע צו גרינדען אַ יודישע אוניווערזיטעט פֿון אַלגעמיינע און יודישע וויסענשאַפֿטען אין ארץ ישראל.

8. די איינפֿיהרונג פֿון למוד אין העברעאיש און יודישער געשיכטע אין די עקזיסטירענדע שולען, כדי צו ערציהען דעם יונגען דור אין דעם יודיש־נאַציאָנאַלען גייסט.

9. די גרינדונג פֿון אַ העברעאישען לעהרער־סעמינאַר אין ארץ־ישראל; די גרינדונג פֿון העברעאישע ביבליאָטהעקען, לעזעזאַלען, מוזעען און קונסטאויסשטעלונגען.

10. דאָס אַרויסגעבען פֿון לייכט פֿערשטענדליכע וויסענשאַפֿטליכע ווערק פֿאַר דאָס פֿאָלק.

אַ וויכטיגען אָרט פֿערנעמט אין פּראָגראַם די אַרבייט אין ארץ־ישראל. אין איהם זענען אַרויסגעשטעלט די דאָזיגע פֿאָדערונגען:

עס זאָל גרינטליך אויסגעפֿאָרשט ווערען ארץ ישראל און די תנאים פֿון איהר לעבען; עס זאָלען אויסגעפֿאָרשט ווערען די אופנים פֿון קאָלאָניזאַציע בנוגע צו ארץ ישראל; דער קאָנגרעס זאָל אַוועקזעצען אין ארץ ישראל אַ קאָמיסיע אויף צו מאַכען די נויטהיגע חקירות; די קאָמיסיע דאַרף פֿערזאָרגט ווערען מיט די נויטהיגע מיטלען; די יודען אין ארץ ישראל דאַרפֿען ערצויגען ווערען צו אַ געזונדער אַרבייט און צו גוטע און טרייע ציוניסטען; עס דאַרף געהויבען ווערען די קולטוראַרבייט אין ארץ ישראל און עס דאַרף געשטאַרקט ווערען די פֿערבינדונג צווישען די יודען אין ארץ ישראל און אין די גלות־לענדער.

ווענינער האַלט די פֿראַקציע פֿון דער ווירטשאַפֿטליכער אַרבייט. זי האַלט גלייך מיט אַלע ציוניסטען, אַז עס איז ניט מעגליך אין גלות אַרויסצוהעלפֿען די יודען פֿון זייער אָרימקייט. די יודען זענען דאָס רוב די קלאַס פֿון פֿערמיטלער. די פֿערמיטלער געהען אָבער איצט אומעטום אונטער, און אַזוי ווי די יודען קענען זיך אין די גלות־לענדער ניט צושלאָגען צו אַנדערע פּרנסות, ווערען זיי דעריבער פֿעראָרימט און דערנידרינט. די יודען קענען ניט געהאָלפֿען ווערען דורך די פֿרייהייטען און דורך די שינויים פֿון לעבען ביי אַנדערע פֿעלקער. אויך ווירטשאַפֿטליך קענען די יודען געהאָלפֿען ווערען נור אין ארץ ישראל. אַלץ, וואָס מיר ווילען דאָ טהון צו פֿערבעסערן אונזער מאַטעריאַלישע לאַגע, איז נור איין אַרבייט אויף דערווייל און קען קיין גרויס ממשות ניט האָבען.

דאָס פּראָגראַם לענגט פֿון דעסטוועגען פֿאַר די דאָזיגע אַרבייטען:

די גרינדונג פֿון האַנדווערקער־שולען; די איינפֿיהרונג פֿון נייע מלאכות; די גרינדונג פֿון פֿאַבריקען צווישען יודען; חברות פֿון בעלי־מלאכות, שותפות־חברות; הילפֿסקאַסען פֿאַר האַנדווערקער און פּריקאַשטשיקעס; ביוראָס אויף צו זוכען אַרבייט; ביוראָס פֿאַר עמיגראַציע; די סטאַטיסטישע חקירות איבער די יודישע לאַגע.

---

איצט, אַז דאָס פּראָגראַם איז שוין פֿאַרטיג, וועט די פֿראַקציע אָנהויבען אָנציגעהמען נייע חברים. אַ חבר פֿון דער פֿראַקציע קען, ווי עס פֿערשטעהט זיך, ווערען נור דער, וואָס איז קודם כל מסכים מיט איהר פּראָגראַם. דאָס אָבער איז נאָך ווייניג. די פֿראַקציע שטעלט גרויסע פֿאָדערונגען צו יעדען איינצעלנעם פֿון איהרע חברים.

פֿון יעדען ווערט פֿערלאַנגט, אַז ער זאָל קענען אָדער אַז ער זאָל זיך לערנען העברעאיש. יעדער חבר איז מחויב צו זיין אַמאָל אין ארץ ישראל. עס ווערט ווייטער אויך פֿערלאַנגט, אַז יעדער חבר זאָל גרייט זיין צו ברענגען קרבנות פֿאַר דעם ציוניזם. אין דער פֿראַקציע ווערט איינגעפֿיהרט, אַז יעדער וועט מוזען צאָהלען אַ געוויסען פּראָצענט פֿון זיין הכנסה.

דאָס איז דאָס פּראָגראַם פֿון דער פֿראַקציע. מיר האָבען עס איבערגעגעבען נור בקיצור; דער אָרט ערלויבט אונז דאָ ניט זיך אָבצושטעלען אויף די איינצעלנע פּונקטען בעזונדער. דערווייל האָבען מיר נור געוואָלט געבען איין אַלגעמיינעם בעגריף פֿון דעם, וואָס די פֿראַקציע וויל, און ווי זי קוקט אויף פֿערשידענע זייטען פֿון דער ציוניסטישער אַרבייט.

בכלל קענען מיר זאָגען, אַז דאָס פּראָגראַם איז גוט אויסגעאַרבעט און גיט אונז צום ערשטען מאָל קלאָרע תשובות אויף די פֿערשידענע זייטען פֿון ציוניסטישען לעבען.

י. ל.

---

# טַעֲנוֹת אוּן מַעֲנוֹת.

פֿון בַּעַל מַחֲשָׁבוֹת.

II.

איך האָב געהאַלטען דעם נו׳ 32 פֿון „וואָסהאָד" און האָב געטענה׳ט:

— „נאַ, זעה, לייען דו פֿער׳מרה־שחורה׳טער יונה! עס׳איז קוים אַוועק אַ חודש צייט ווי אַחד־העם האָט געענדיגט זיינע „שאלות מארץ־ישראל", קוים אַוועק דער תשעה־באב מיט די קינות אויף די יודישע קאָלאָניעס, און עס האָט זיך שוין בעוויזען אַ שבת נחמו פֿאַר אונז חובבי־ציון. י. ג. עטינגער איז געקומען צו פֿאָהרען!

— „מזל־טוב דיר", האָט יונה דער ליטעראַט איראָניש געשמייכעלט, „טו איז וואָס?..."

— „וואָס הייסט, וואָס? י. ג. עטינגער איז פֿון פּאַלעסטינאַ ניט געקומען מיט לעדיגע הענד, ער האָט מיטגעבראַכט אַ קלאָרען דין וחשבון וועגען אַלץ וואָס טהוט זיך אין די קאָלאָניעס. ז׳ער בעריכט וועט אפשר פֿערנעהמען 15 דרוקבויגען. דאָס איז אפשר די ערשטע גרעסטע אַרבייט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען וועגען די קאָלאָניעס. דערמאָן זיך נור: איידער י. ג. עטינגער איז אַוועקגעפֿאָהרען בעזעהען, רעווידירען די קאָלאָניעס, האָבען זיך צונויפֿגעקליבען עטליכע יודישע אַגראָנאָמען, וועלכע האָבען צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי גענויער אויסצופֿאָרשען דעם מצב פֿון יעדער קאָלאָניע בעזונדער. אין ארץ ישראל אַליין האָבען זיך מתעסק געווען מעהרערע קאָמיסיעס, וועלכע זענען גענוי בעקאַנט מיט דעם לעבען און פֿיהרונגען אין די קאָלאָניעס און האָבען געזעהען מיט אַלע מעגליכקייטען מיטצוהעלפֿען

עטינגער׳ן, — וועלכער איז אליין אויך א בעוואוסטער אגראנאם, — גענויער קלאר צו ווערען אין דעם ענין, צוליעב וואס ער איז געשיקט געווארען. עטינגער האט צוזאמענגעקליבען א מורא׳דיג גרויס מאטעריאל וועגען דעם מצב פון די קאלאניעס, און די צוויי נעכט, אין וועלכע ה. ע. האט איבערגעגעבען דעם תמצית פונ׳ם מאטעריאל, וועט אין אדעסער קאמיטעט ניט אזוי גיך פערגעסען ווערען".

— „און דער אדעסער קאמיטעט האט דערלעבט זיין ערשטען שבת־נחמו?... נאך די נעכטיגע קינות עפיס א צו גיכער טרייסט" — האט יונה מוטהלאז געענטפערט און מיט א אראבגעפאלענער מינע זיך טיעפער איינגעגראבען אינ׳ם זאפא, אויף וועלכען ער איז גע־זעסען.

— „און טאמער פערקעהרט? אפשר א ביסיל צו שפעט? — עטינגער האט אונז באמת געטרייסט. די מיליאנען וואס זענען פערווענדט געווארען אויף די קאלאניעס, זענען ניט געגאנגען לאיבוד. צוליעב זיי האט א שטיק ארץ ישראל ווידער אבגעלעבט, וויינגארטענס און קארנפעלדער בעדעקען די אמאליגע מדבריות. דאס שטיק ערד, וואס פערנעהמען די וויינגארטענס אין פערגלייך צום גאנצען שטח פון די קאלאניעס, איז גרעסער ווי אומעטום אין דער וועלט. און דאס איז שוין אליין א גרויסע עשירות".

יונה האט זיך פונאנדערגעלאכט:

— „א שענער חשבון, ווי איך בין א יוד! לויט דעם חשבון נאך וועט אויסקומען אז א ווילנער, שניידער האט מעהר בעל־הבי׳ישקייט און עשירות ווי א ענגלענדער, א פראנצויז און א דייטש. צעהן ליטווישע־שניידער האבען מעה״ סאמאווארען ווי 100 טויזענד דייטשען, פראנצויזען און ענגלענדער אין איינעם גענומען".

— „ה. ע. ווייזט אונז אן, אז אין א קורצער צייט פון 20 יאהר האבען די קאלאניסטען בעדעקט א 25־סטען חלק פון דעם גאנצען שטח זייערען מיט בוימפלאנצונגען; די קאלאניעס האבען כמעט דריי מאל מעהר בוימפלאנצונגען ווי אין דייטשלאנד".

און יונה האט ווידער געלאכט:

— „אייקאליפטוס בוימער... א רחמנות טאקע אויף די דייטשען, וועלכע ווייסען ניט פון געלען פיבער, פון זומפען און די קליינע מזיקים אין דער לופט"...

— „שוין דאס אליין איז ניט קיין קלייניגקייט, וואס עס האבען זיך אין די 20 יאהר אויסגעבילדעט 19 יודישע בעזעצטע דערפער, וועלכע וועלען שוין קיינמאל ניט אונטערגעהען, וועלכע וועלען ווערען מיט דער צייט די צענטערס, וואס וועלען צוציהען צו זיך א נייע יודישע בעפעלקערונג פון אקערבויערן".

— „הלוא", האט יונה געקוועטשט מיט די פלייצעס, — „דערווייל אבער צולויפען זיך אפילו אזוינע פעלד־ארבייטער, וועלכע האבען שוין ניט איין צעהנדליג יאהר געגראבען און געאקערט דארטען".

— „פון די 700 קאלאניסטען פאמיליען קען מען שוין 600 רעכנען פאר אייביגע תושבים און ווען מען זאל אפילו היינט צונעהמען פון זיי די זייטיג׳ע שטיצע, וועלען זיי אויך קענען עקזיסטירען.

ה. ע. האט אויסגערעכענט די הכנסה אין מיטעלען אופן פון א קאלאניסטען און האט ארויסגעפונען, אז מיט דער הכנסה קען מען גאנץ גוט אויסקומען. דער יודישער קאלאניסט אין דרום רוסלאנד ציהט פון דער קאלאניע אסך וועניגער ארויס. בקצור, שוין דער היינטיגער מצב פון די קאלאניעס בעווייזט אז פאלעסטינא איז א לאנד, וואס איז מסוגל צו קאלאניזאציע, דאס עס איז מעגליך און א יושר די קאלאניזאציע ווייטער אויסצוברייטען".

— „בקיצור עטינגער האט בעוויזען אזוינס, וואס מיר האבען דאס שוין לאנג אליין געוואוסט און וואס קיינער דערוועגט זיך ניט צו לייקענען", האט יונה מיר איבערגעהאקט די רייד און האט זיך אויפגעהויבען פון זאפא. ער האט גענומען אויפגערעגטערהייט שפאנען דורך דאס צימער:

— „ה׳ גאלדבערג׳ס קארעספאנדענציע, פון וואנען דו ציהסט דיינע נייעסטע ידיעות", האט ער אנגעהויבען, — „האט זיך כמעט גלייכצייטיג אבגעדרוקט אין „וואסהאד" און אין „כודושטשנאסט", אין צוויי צייטונגען, וואס ברייגנען דעם „חובב ציון" די לעצטע צייט עפיס צו אפט ישועות און נחמות. נאך פאר־קורצען האט הערר לודוויפול מיט א אומוועג איבער פאריז, מיטגעטהיילט אין „וואסהאד" ישועות און נחמות וועגען דער קאלאניזאציע אין פאלעסטינא דורך יק״א (ז. יוד נו׳ 33 „קאלאניזאציאן")".

ה׳ גאלדבערג׳ס קארעספאנדענציע קלינגט עפיס צו פרעהליך און איז אויפגעשריבען מיט דער דעה אבצושוואכען די ווירקונג פון אחד־העם׳ס לעצטע ארטיקלען. דאס פערלאנגען אראבצוזעצען אין די אויגען פון לעזער דעם טיעפפיהלענדען ליטעראטען אקעגען דעם קאלטבלוטיגען פראקטישען בליק פון דעם פאכמאן, דעם אגראנאמען, טרעט שוין ארויס עפיס א ביסיל צו בולט.

דער געוועהנליכער חובב־ציון פערטראגט ניט קיין שארפע קריטיק, ער האט פיינד דעם מרה־שחורה׳דיגען בליק פון טיעפבליקענדען קריטיקער. דער חובב־ציון איז בכלל דער טיפ פון א פרעהליכען צופרידענעם בעל־הבית א בעזעסענעם ביי זיך. קוק זיך נור איין אויף די מורשים פון אדעסער קאמיטעט! נאר די נויט האט געצוואונגען דעם חובב ציון אויסצוקלייבען צווישען צוויי פערטרעטער פון ציוניזם דוקא אחד־העם׳ן. דער ערשטער קאנגרעס און הערצל האבען ענטפלעקט פאר איהם די גייסטיגע געשטאלט פון אחד־העם. דער חובב־ציון, איך מיין דער געוועהנליכער מיטעלמעסיגער מורשה־טיפ, האט ליעב צו לעבען אין דער אטמאספערע פון הכחשות. ביי איהם איז א תענוג אויסצוהערען אין איין טאג צוויי עדות, וואס רעדען פונקט קאפאויער און זיך צו פערלאזען אויף דעם, וועלכער פערגלעט די טונקעלע זייטען פון דעם אמת׳ען ארץ ישראל און בערוהיגט זיין בעל־הבית׳ש געמיטה, קיין גרעסערען פורים־שפיעל קען מען זיך ניט פארשטעלען, ווי אין דער צייט, בשעת עס איז ארויף אויפ׳ן טעלער די פראגע וועגען די יפו׳ער שולען, דער חובב־ציון האט דעמאלט אבגעלעבט! אלע טאג זענען געקומען די פאר עדות, וועלכע האבען זיך איינער דעם אנדערען אבגעלייקענט, און אלע טאג, זיך נעהמענדיג צו דער צייטונג אין דער פריה מיט א אומעטיג פנים איז ער נעגאנגען אוועג צו בעט מיט א בערוהיגט הארץ. איך האב מורא, אז עס הויבען זיך ווידער פאר איהם אן די „לעבענדיגע טעג". אויף אחד־העם׳ס לעצטע ארטיקעל הויבען זיך שוין אן צו שיטען די ערשטע הכחשות (בן יהודי אין „השקפה", לילענבלום אין „המליץ" א.ז.וו.) און אט איז אויך שוין געקומען ה. י. ג. עטינגער, א בעוואוסטער אגראנאם, דער שטארקסטער עדות וועלכער וועט שוין דערקוויקען די פעראורטע הערצער פון די טרייע חובבי־ציון און די אדעסער קאמיטעט־לייט. ה. גאלדבערג אליין, א טרייער חובב־ציון האט זיך ניט דערוואַרט

אויף די 15 דרוקבויגען. נאך איידער ער האט זיי געזעהען און געלעזען איז ער שוין געלאפען א דערקוויקטער אונז אנזאגען די נייעסטע הכחשה, די נייעסטע ישועות און נחמות וועגען ארץ ישראל".

— „און דו יונה, ווילסט דוקא זיין דער היפוך פון דעם פרעהליכען חובב־ציון. וואס שווארצער מען מאלט ווערט דיר אלץ מחיה׳דיגער אויפ׳ן הערצען. י. ג. עטינגער איז פארט א וויכטיגער עדות, און, אלס פאכמאן אין אגראנאמיע אסך מעהר בעגלויבט ווי די צוגוט בעטראכטע און גוט געמיינטע דייד פון צעהן יודישען ליטעראטען".

— "א טעות ברודער", האט יונה א מאך געטהון מיט דער האנד, "ביידע זענען ביי מיר בעגלויבט, און פונדעסטוועגען זענען זיי זיך איינער דעם אנדערען ניט סותר. דארטען וואו איהר זעהט הכחשות, זעה איך נור די צוויי מענשען קוקען אויף איין זאך פון פערשידענע זייטען. אחד־העם איז געגאנגען זוכען מ ע נ ש ע ן אין די קאלאניעס; ער האט געפונען ק נ ע כ ט און זיין יודיש הארץ האט זיך בעגאסען מיט בלוט. י. ג. עטינגער איז געגאנגען זוכען פ ע ט ע ע ר ד און בליהענדע וויינגארטענס; ער האט דאס געפונען און איז אוועק מיט א צופרידענעם בליק. אחד־העם פערלאנגט פון די קאלאניעס, אז זיי זאלען ארויסגעבען אויסער קארן און ווייץ א נייעם טיפ פון א יודישען בויער, וועלכער זאל זיין פערוואכסען מיט דעם פעלד, וואס ער בעאקערט, וועלכער זאל שטעהען נאהענט צו דער נאטור און וויט פון דער שטאדט מיט איהרע חיובים. ער וויל, אז די קאלאניעס זאלען בעשאפען א געזונדען פרייען יודישען בויערנקלאס, פון וועלכען עס זאלען זיין אבהענגיג די איבריגע קלאסען פון יודישען פאלק אין ארץ ישראל. אין די היינטיגע קאלאניעס, וואס ליפערן א סך וויין און ווייניג קארן, וועלכע בלייבען צוליעב דעם אייביג אבהענגיג פון דער שטאדט און די בעזעצטע צענטרען און גיבען ארויס עפיס א צומישטע בריאה, א האלב דארפישען און האלב שטעדטישען מענשען — האט אחד־העם נישט געפונען ־דעם אנהויב דערפון וואס ער פערלאנגט. ה. עטינגער אבער ראזט זיך ניט אריין אין אזעלכע פאנטאזיעס. דערצו איז ער דאך א פראקטיקער, איהם איז וויכטיג ניט דער מענש, נאר די הכנסה פון דער קאלאניע, און אז ער האט געפונען, אז די הכנסה איז גאר ניט אזוי נידריג, ווי אין דרום־רוסלאנד, האט ער די קאלאניעס ארויסגעגעבען א גוטען אטעסטאט. ה׳ ע. איז פאר א געמישטע ווירטשאפט, ער לעגט פאר, אז די קאלאניעס זאלען זיך זיין וואס פולער און וואס בעזעצטער, זיי זאלען נאהענט זיין פון א שטאדט און די גרעסערע צענטערן. ווי א אמת׳ער פראקטיקער וואס זארגט פאר די הכנסה איז ער זעהר צופרידען, וואס דער היינטיגער קאלאניסט פעראייניגט אין זיך דעם פעלדארבייטער און דעם שטעדשער אין איינעם, דעריבער געפעלט אחד־העם׳ן אזוי גוט קאסטיניא, וואס איז א ריין בויערש דארף, דעריבער קען ה׳ ע. קאסטיניא ניט אנקוקען אפילו.

ה׳ ע. האט געפונען די אייגענע חסרונות ווי אחד העם. 600 קאלאניסטען פאמיליען קענען לעבען אהן זייטיגע שטיצע, און פונדעסטוועגען זאגען זיי זיך דערפון ניט אב, זייערע קיה גיבען ניט דאס דריטעל מילך וואס די קיה פון די אראבער, זיי ווייסען אפילו ניט ווי צו פיטערען יי, זיי קליידען זיך ניט נאכ׳ן קלימאט נאך, זיי ווייסען אפילו ניט ווי צו שפייזען זיך. זיי מאכען אפילו נאך דעם פרעהליכען בעריכט מפי גאלדבערג א איינדרוק פון בויערען אין א אפערעטקע, וועלכע האלטען גראבלעס אין דער האנד אויף אבצושטראשען די פליענן. בקיצור, ה׳ ע. זאגט כמעט דאס איינענע וואס אחד העם, נאר בעת די חסרונות יאגען ארויף אויף אחד העם א מרה־שחורה, ווייל ער גלויבט ניט אז די בויערען פון דער אפערעטקע זאלען בכח זיין אויסצופיה׳ען דעם הויכען נאציאנאלען אידעאל פון דער יודישער תחיה, רעכענט אוים ה׳ עטינגער די הכנסה און די הוצאה פון דעם יודישען האלב דארפישען האלב שטעדטישען קאלאניסטען און בעטראכט די חסרונות מיט א רוהיג בלוט. דער פראקטישער פאכמאן און דער אידעאליסט זענען צונויף געקומען אין די אייגענע יודישע דערפער. דער ערשטער האט געזוכט פעטע ערד, דער צווייטער מענשען, און אזוי ווי מענשען איז שווער צו געפינען, האט דער פראקטישער געפונען דאס וואס דער אידעאליסט האט ניט געזוכט, און די לאגיש דענקענדע חובבי ציון אונזערע האבען זיך דערפרעהט אויף די "נייע הכחשה", מיט וואס מען האט א ווילע זיי אבגעהאפט די הערצער".

— "און דו יונה האלסט געוועהנליך מיט׳ן אידעאליסטען, עס מענען קומען צוואנציג פאכלייט און בעווייזען אז די מענשען, וועלכע איהר זוכט קענען ניט בעשאפען ווערען ביי אזעלכע לעבענס בעדינגונגען, וועלכע עס הערשען אין פאלעסטינא — איהר בלייבט ביי דאס אייגענע און שטאפט זיך די אויערען צו. די קאלאניעס אין פאלעסטינא קענען נאך ניט בעשאפען א ריכטיגען יודישען בויערנקלאס. עס וועלען נאך אוועקגעהן גאנצע דורות איידער מיר וועלען דערלעבען צו זעהן דאס וואס אחד־העם וויל".

— "ליעבער ברודער, ווען מיר וואלטען געהערט די פאכלייט, וואלטען מיר היינט קיין קאלאניעס אויך ניט געהאט, דער גאנצער ציוניזמוס איז א פאטש אין פנים די פאכלייט מיט זייערע קלארע ציפערן וועגען הוצאה און הכנסה. כל זמן דער ציוניזמוס ארבייט פאר א אידעאל, וואס איז שווער צו דערגרייכען, זאל מען זיך היטען פאר די פאכלייט, וואס ווילען נור דאס וואס מען קען און נור דאס, וואס מען קען טאקי באלד. "צי לוינט דאס נאר צו וועלען דאס וואס איז מעגליך", האט אמאל א נארוועגישער פאעט געזאגט, און די ווערטער דארף זיך א ציוניסט גוט איינהזר׳ן. ביי אונזער באזעלער פראגראם איז ניט געשטאנען קיין הויבאם. די פאכלייט צווייפלען נאך עד היום, אויב עס געפינט זיך גאר אזא מין ווארט אין די יוריסטישע ביכער, ווי "עפענטליך רעכטליך", און די קאלאניאלבאנק האט אזעלכע תקונים, וועלכע עס וואלטען א פאכמאן גאר קיין מאל ניט איינגעפאלען. די פאכלייט זענען מעהרסטענטיילס גוטע תלמידים, וואס האבען אויסגעלערנט דעם שעור פון רבי׳ן; די רביים אבער זענען פארט מ״ה, די אידעאליסטען, וואס זיי ווילט זיך דוקא דאס וואס איז אונמעגליך און וועלכע בעשאפען נייע וועגען פאר זייערע נייע ציעלען, ה׳ ע. איז א בעוואוסטער אגראנאם, אבער וואס העלפט די אחד־העמ׳יסטען זיין גאנצע אגראנאמיע, ווען ער קען זיי ניט געבען די מענשען, אויף וועלכע זיי ווילען בויען א געזונדען נאציאנאלען לעבען אין ארץ ישראל ?".

— "און צי מוזען דאס גראד זיין ד י מענשען, וועלכע אחד־העם וויל ?"

— "דאס איז א אנדערע פראגע. איך בין ניט קיין אחד־העמ׳יסט. די "איסטען" — זענען געוועהנליך די וואס זענען אין די עולמות העליונים אליין ג א ר נ י ש ט ע ן".

---

# פון יודישען לעבען אין אדעס.

(דריטער בריעף.)

דאס יודישע לעבען אין תחום איז פינסטער און ביטער. וואו מען קעהרט זיך, זעהט מען נור דחקות און ארימקייט, נויט און צרות. דאס קליין ביסיל עסקים און מלאכות, וועלכע געפינען זיך אין יודישע הענד, זענען ניט אימשטאנד צו געבען פרנסה און היות יעדען „נצרך" פון די מיליאנען יודען, וועלכע זענען צוזאמענגעדריקט און צוזאמענגעשפארט אין די שטעדט פון די עטליכע תחום־גובערניעס.

דערהויפט זענען פערארימט די קליינע יודישע שטעדטליך, וועלכע האלטען זיך נאך מיט די געשעפטען פון די עלטער־ציידעס. זיי ווייסען ניט און קענען ניט אריינפיהרען נייע פרנסה־קוועלען און ליידען זעהר פיעל פון דער קאנקורענץ פון די ארומיגע גרעסערע שטעדט. דארט איז די ארימקייט מורא דיג גרויס. קרעמער זיצען אהן פדיון, בעלי־מלאכות — אהן ארבייט, הענדלער, טענדלער, מארק־לייט — אהן פערדינסט. די צאהל פון „לופט־מענשען" פערגרעסערט זיך אהן א שיעור. מען לעבט פון ווינד און מען שטארבט פון הונגער.

און מען געהט זוכען פרנסה און חיות אין אנדערע ערטער — אין ווייטע לענדער אדער אין נאהענטע גרויסע שטעדט. עמיגרירען, וואנדערען — דאס איז די איינציג געבליבענע תרופה געהאלפען צו ווערען פון דער שווערער פערביטערטער לאגע. טויזענדער פאמיליעס ווארפען יעהרליך אוועק די אלטע היים, די קוברים און בעקאנטע, אלעס וואס ס'איז געוועזען ליעב און טייער, און מען נעמט זיך פאר'ן וואנדער־שטעקען צו זוכען א נייען מקום־מנוחה, א בעסערען מזל. מע לויפט ניט נור קיין אמעריקא, קיין אפריקא, נאר אוך פון איין שטאדט אין תחום אין די צווייטע, פון איין גובערניע אין די אנדערע. ניט קיין גליקען געהט מען זוכען מעבר־לים, ניט נאך רייכקייט ווערט מען נע־ונד פון קליינע שטעדטליך אין די גרויסע — מען וויל נור געפינען א רוהיג שטיקיל ברויט, א שטילע זיכערע חיונה. מען גלויבט און מען האפט אז „משנה־מקום — משנה־מזל". אז א נייער ארט וועט שאפען אויך א נייעם מזל. ווי פיעל כשוף האט אין זיך דער געדאנק — „נייער מזל" פאר אונזערע פערשווארצטע און פערהושכ׳טע אביונים נאך יאהרען פון דאגות, ביטערניש און צער! מען פערקויפט דאס לעצטע ביסיל ארימקייט, מען פערמשכונ׳ט זיך, פערבא׳גט זיך און מען געהט זוכען דעם ליכטיגען „נייעם מזל"... גאנצע שטעדטליך ווערען חרוב, מען צופאהרט און צולויפט. די יונגסטע, די בעסטע, די געזינדסטע „כחות" געהען אוועק און עס בלייבען נור זקנים, קאליקעס, שוואכע און קראנקע. ניט אלע מאל, ליידער געפינט מען אין די נייע מקומות א נייעם מזל. דאס רוב ברייננען מיט זיך אונזערע וואנדערער אין די נייע ערטער זייער אלטען מזל און בייטען אויס אלטע צרות אויף נייע. אבער לית ברירה — קיין בעסערע מיטלען זענען נישטא. ערגער קען דאך נישט ווערען, און אז ניט ערגער -- מי יודע — אפשר וועט זיין בעסער, און מען פראבירט וואנדערען...

אדעס איז איינע פון די גרויסע שטעדט אין תחום, וואוהין די קליינשטעדטילשע אביונים קומען מאסענווייז זוכען א בעסערעס לעבען. אין די לעצטע 20—25 יאהר זענען אננעפאהרען אין אדעס פון פערשיעדענע שטעדטליך איינינע צעהנדלינגע טויזענדער יודען. דערהויפט איז גרויס די וואנדער־בעוועגונג נאך אדעס פון די נאהענטע גובערניעס — קיעווער, וואלינער, פאדאלער, בעסאראבער א. ד. ג. מען פוילט זיך אבער ניט איבערצוקלויבען זיך קיין אדעס אויך פון ווייטערע גובערניעס, ווי למשל גראדנער, מאהילוער, קאוונער, ווילנער, לובלינער און ווארשויער. אדעס האט געהאט א שם פון א רייכער האנדעלשטאדט וואו יעדער האט זיך זיין שענע פרנסה, וואו דאס לעבען איז ביליג, פריי און בעקוועם. און דער עולם האט אנגעהויבען צו פאהרען פון נאהענט און פון ווייט געניסען פון אדעסער גליקען.

אין די ערשטע יאהרען פלעגען די געקומענע טאקי ניט שלעכט מאכען, פלעגען גרינג בעקומען בעשעפטיגונג, פערדינסט און לייכטע חיות. בעת די אנגעפאהרענע זענען געוועזען נאך ניט פיעל, האט עס געקלעקט עסק און ארבייט פאר אלעמען. אבער די צייטען בייטען זיך. דאס ווירטשאפטליכע לעבען אין אדעס האט זיך פאר די שפעטיגערע צייט פיעל געענדערט. צוליעב פיעל סבות האט זיך אדעסער מסחר אבגעשטעלט אין זיין וואקסען. אדעסער פאבריקאציאן, וועלכע האט פון אנהויב געגעבען גרויסע הבטחות און אויף וועלכע מען האט פיעל געהאפט, האט אנגעהויבען שטעלען זעהר לאנגזאמע טריט פא־אויס. דער צוזאמענפאהר פון פרעמדע איז געוואקסען אהן א ברעג, און מיט איהם צוזאמען איז אויסגעוואקסען א שרעקליכע קאנקורענץ אין אלע פאכען פון האנדעל, מלאכה און ארבייט. און די אלע טויזענדער צוזאמענגעפאהרענע אין די לעצטע יאהרען — האבען בעגעגענט אין אדעס אנשטאט א נייעם מזל דעם אלטען דלות, פון וועלכען זיי זענען מיט אזא ראסט געלאפען.

דאס רוב פון די אנגעפאהרענע אין אדעס נעהמען זיך פאר די אלטע יודישע בעשעפטיגונג — קרעמעריי, מלאכות, גאס־מסחר, ווינדהאנדעל, מארק־ארבייט א. ד. ג. האבענדיג זעהר א קליינעם „קאפיטאל", מאכט מען געוועהנליך אזא עסק, וואס פאדערט זעהר ווייניג מזומן, דהיינו א פאפיראסען־קלייטיל, א זעלצער־ביידיל, א טישיל מיט פרות, א קויש מיט גלאזווארג, א עלמעריל מיט „קורצע ווארען" וכדומה. יודישע קליינע קרעמליך זענען דא אין אדעס מעהר ווי 20 טויזענד. טאבאק־קלייטליך אליין געפינען זיך איין מעהר ווי 2000, יודישע זעלצער ביידליך צוזאמען מיט „בופעטען" פון גראשענע נאשערייזאכען רעכענען זיך אין אדעס א פאר טויזענד. היינט ווי פיעל יודישע „געשעפטען" זענען אויסגעלעגט אויפ'ן ברוק, אין קוישען, אין וועגעליך, אויף טישליך, אדער פשוט צושפרייט אויף דער אדמה. עטליכע טראטוארען (ענגע ארנאאוטסקי גאס און אלעקסאנדראווסקי־פראספעקט) זענען ממש בעדעקט מיט הונדערטער ביליגע „עסקים" פון פערשידענע זאכען, פארטוכער, גלעזער, טעלער, פרוכטען, געוויכערטע פישליך, קאלבאס, זייף, צוועקעס, קאנפעקטען, צוקער־לעקעכליך א. ד. ג. און ווי פיעל יודישע „האנדלונגען" זענען צוזייט און צושפרייט איבער'ן „טאלקוץ" — אין הילצערנע ביידליך אדער אויף לאנגע ברעטער אין דרויסען — האנדלונגען פון טויזענדערליי פראדוקטען, פון כל המינים סחורות, פון אויבערהעמדער ביז פיש־קניידליך, פון שווארצע רעק ביז קארטאפעל־קאשע...

דער גרעסטער טהייל פון די אלע קליינע און ביליגע „געשעפטען" זענען אין די הענד פון די נייע איינוואהנער. צו פיהרען אזא סארט מסחר דארף מען ניט האבען ניט קיין „מטמון" געלד, ניט קיין אויבער־חכמות. מיט א קליינער סומע געלד אין קעשענע און א קליינעם שכל אין קאפ קען מען האבען די יכולת צו גרינדען אזא געשעפט אויף אדעסער פלאץ... אבער אויב די צווייטע פאדערונג איז כמעט תמיד דא ביי די אריינפאהרער, דערפאר פעהלט די ערשטע ביי א סך. דאן נעמט מען זיך פאר אנדערע עסקים, וועלכע בענעהען זיך

נאָר אַהן אַ גרונד־קאַפּיטאַל אָדער פֿאָדערען צום אָבזאַטץ נור איינינגע „פּרוטות“, מען שפּאַנט זיך איין אין אַ וועגעלע צו שטופּען משא, מען ווערט אַ שטיוועל־פּוצער אויפ'ן גאַס, מען טראָגט קעראָסין, געטריקענטע פֿיש איבער די הויפען, מען אַרבעט אין פּאָרט ביי די שיפֿען. דער וואָס קען אַ מלאכה — פֿעררירכט און לעגט לאַטעס פֿאַר די אָרומיגע שכנים אָדער אַרבעט פֿאַר'ן מאַגאַזין, פֿאַר די מאַרק־קליינטליך, בעקומענדיג פֿאַר 17—18 שעה אַרבייט אין מעת־לעת 30 — 40 קאָפּ.

אַז עס „בעגליקט“ פֿערדינט מען פֿון אַזעלכע עסקים דאָס שטיקיל ברויט. פֿון „עשירות“ אַ גליקליכעס לעבען — טראַכט גאָר קיינער נישט. אַזעלכע נאַרישע מחשבות ליגען גאָר ניט אין קאָפּ. יעדער זאָגט זיך אַלע אין דער פֿריה „דע מאין באת“ — געדענק פֿון וואָס פֿאַר אַ אָרימקייט דו ביזט געקומען... אָבער ניט אַלע האָפען אַזאַ גליק אויך. זעהר אַ גרויסער פּראָצענט פֿון די אָנגעפֿאָהרענע פֿערדינען אייף ברויט אויך ניט און לעבען אין שרעקליכע דחקות און צרות. אָהן אַ שטיצע מן הצד, אָהן די הילף פֿון צדקה־חברות קענען זיי שוין ניט אויסקומען. נויט ברעכט דעם שטאָלץ און הונגער פֿעריאָגט די עהרע און מען מוז אָנקומען צו דער פֿאַלשער הילף פֿון צדקה, צו וואָס מען איז אין דער היים ניט געוואָהנט געוועזען. מען ווערט קונדען פֿון דער יודישער קיך, באָגאַדעלנאַ, שפּיטאָל, לחם־אביונים א. ז. וו. מען פֿערשאַפֿט קינדער אין יתומים־הויז, פּריוט, תלמוד־תורה, מען נעמט אומעטום וואו מען גיט — און די אָרימקייט ווערט אַלץ ניט קלענער... פֿון 50 טויזענד אָרימע יודען, וועלכע האָבען גענומען אין 1900 יאָהר אומזיסטע מצה אויף פּסח, זענען געוועזען 82 % „אורחים“ פֿון דער פֿרעמד געקומענע אין אָדעס.

און די אַלע טויזענדער געקומענע פֿיהרען אין אָדעס זעהר אַ שווערעס און אַ ביטערעס לעבען. עלענדע, פֿרעמדע, ווייט פֿון דער היים, פֿון קרובים און גוטע פֿריינד, פּלאָגען זיי זיך אין דער שטיל, פֿערשטעלט און בעהאַלטען, ניט הערענדיג אַ טרייסט־וואָרט פֿון קיינעם ניט זעהענדיג מיטלייד פֿון וועמען עס איז. מען וואָהנט ערגיץ אין אַ „גרוב“, אין אַ פֿינסטערען, קאַלטען ווינקעל, וואו „זומער קומט דאָרט נישט אַריין פֿון דער ליעבער זון קיין שיין“ און וואו ווינטער בלאָזט דער בייזער ווינד כסדר. מען דאגה'ט, מען מאַטערט זיך כסדר, מען האָרעוועט, מען חושכ'ט — און מען ווערט אַלט אָהן אַ צייט און מען ווערט פֿערוועלקט אין די בליהענדע יאָהרען.

„אָרימעס לעבען! נור שטענדיג זיך מאַטערן
שטענדיג צו לעבען אין נויט;
כחות די יונגע די פֿרישע צו ־פּטר'ן,
זוכענדיג — טרוקענעס ברויט!...“

מען וואָלט גערן געהן אַרבייטען אין פֿאַבריקען. מען וואָלט מיט גרוים חשק דרעהען די מאַשין, רייניגען די רעדער, ברענען זיך ביי'ן פֿייער, בראָטען זיך ביי'ן קעסיל, מען וואָלט טהון אַלע „עבודות־פּרך“, מען וואָלט אַרבייטען דאָרט ביי טאָג און ביי נאַכט. אָבער ניט אין אַלע פֿאַבריקען ווערען אָנגענומען יודישע אַרבייטער און ניט צו אַלע פֿאַבריק־אַרבייט זענען זיי פֿעהיג. אין פֿיעל קריסטליכע פֿאַבריקען ווערען יודען לגמרי ניט אָנגענומען. דאָרט וואו איינינגע יודישע אַרבייטער זענען שוין יאָ דאָ איז די בעהאַנדלונג פֿון די עלטסטע, פֿון די דירעקטאָרען זעהר שלעכט, אין איין קריסטליכער פֿאַבריק איז דער דירעקטאָר, אַ דייטש, זיך ממש נוקם אָן די יודישע אַרבייטער. ער זידעלט, שלאָגט און בעליידיגט די יודישע אַרבייטער אויף יעדען טריט. פֿאַריגעס יאָהר זענען די פֿיינע מעשים פֿון דעם ווילדען דירעקטאָר בעשריבען געוואָרען אין אָדעסער צייטונגען. אַ יודישער אַרבייטער, וועלכער איז צודאַנקען די „עדעלע“ הענד פֿון דעם שענעס דירעקטאָר, געלעגען קראַנק אין שפּיטאָל עטליכע וואָכען, האָט פֿאַרינען זומער געגוי דערצעהלט אין „אָדעסקי נאָוואָסטי“, וואָס פֿאַר צרות און יסורים עס שטעהען אויס אויף יענער פֿאַבריק יודישע אַרבייטער. און ווי פֿיעל נאָך אַזעלכע פֿערדאָ־בענע דירעקטאָרען־אַנטיסעמיטען זענען דאָ אין אָדעס, וועגען וועלכע מען האָט פּחד צו דערצעהלען, מען זאָל חלילה נישט אַרויסגעטריבען ווערען פֿון פֿאַבריק. אַ יודישער אַרבייטער אין אַ קריסטליכער פֿאַבריק ווייס קיינמאָל ניט, וואָס מאָרגען וועט מיט איהם זיין. צוליעב דער קלענסטער זאַך טרייבט מען איהם אַרויס פֿון פֿאַבריק. מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט מען פֿון אַ גרויסער קריסטליכער פֿאַבריק „משלח“ געווען אַלע יודישע אַרבייטער (מעהר ווי 30 מענשען), ווייל דער נייער דירעקטאָר, אַ פֿראַנצויז־אַ פּאַטריאָט, איז געווען געגען דרייפֿוס'ן...

אויף יודישע פֿאַבריקען ווערען אויך ניט אָנגענומען אומעטום יודישע אַרבייטער — דאָרט וואו עס אַרבייטען נייע מאַשינען מיט עלעקטרישער בעוועגונג זענען יודען נישטאָ, ווייל זיי פֿערשטעהען וועניג ווי זיך צו בעגעהן מיט די נייע מעכאַניזמען.

און צוליעב די אַלע סבות זענען יודישע פֿאַבריק־אַרבייטער טאַקי זעהר וועניג פֿאַרהאַן אין אָדעס. ריכטיגע ידיעות וועגען דער צאָהל פֿון יודישע אַרבייטער זענען נישטאָ. די ציפֿערן, וועלכע ווערען יעהרליך אַרויסגעגעבען וועגען אָדעסער פֿאַבריקען און אַרבייטער, ענטהאַלטען ניט אין זיך אָבטהיילונגען נאָך די רעליגיאָנען. אָבער מען רעכענט — און דאָס איז קרוב לודאי — אַז יודישע אַרבייטער אין אָדעס זענען דאָ נישט מעהר ווי 4000. און אַזאַ סכום איז זעהר וועניג. יודישע איינוואָהנער אין אָדעס איז 1/3 לערך דער גאַנצער צאָהל איינוואָהנער. און יודישע אַרבייטער אין ערך פֿון דער אַלגעמיינער צאָהל אָדעסער פֿאַבריק־אַרבייטער זענען נאָך וועניגער ווי 1/5 (אין 1898 יאָהר זענען געווען אין אָדעס 22,172 אַרבייטער, אין 1899 יאָהר 20,859 און אין 1901 יאָהר 20,629).

דער ענין פֿון חלול שבת, צוליעב וואָס יודישע אַרבייטער אין ליטא און פּולין ווייכען פֿון פֿאַבריק, איז ביי אָדעסער יודישע אַרבייטער ניט אַזאַ שטאַרקע מניעה. אָדעס האָט זיך איהר שלחן־ערוך און האָט זיך אויסגעאַרבעט נייע כללים, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. געוועהנטליך, פֿאַר די פֿרישע געקומענע איז נאָך זעהר שווער זיך אָבצוזאָגען פֿון עונג שבת, אָבער מיט דער צייט מאַכט דאָס נייע פֿרייע אָדעסער לעבען אויך אויף זיי אַ ווירקונג. די שווערע אָדעסער אָרימקייט מאַכט אויך גרינגער דעם יאָך פֿון הייליגען שבת... פֿאָלגליך, ניט צוליעב שבת, נאָר צוליעב אַנדערע סבות, וועלכע מיר האָבען אויבען געבראַכט, איז אַזוי קליין די צאָהל פֿון יודישע אַרבייטער אין אָדעס.

און עס בלייבט פֿאַר אַלע טויזענדער געקומענע נור האַנדעל און האַנדעל, נור לאַטעס לעגען און משא טראָגען, נור קאָנקורירען מיט יענעם, נור אַוועק נעהמען ביי'ן צווייטען... און פֿאַר זיך נישט לאָזען.

און ניט קוקענדיג אויף דעם, פֿאָהרט מען אָהן אַ אויפֿהער פֿון ווייטע און נאָהענטע שטעדטליך אין די רייכע, גליקליכע געשעפֿטס־שטאָדט אָדעס. עס ציהט די אָרימע פֿון די קליין־שטעדטליך אין די

חאטש זיי שפּיעלען נישט מיט, מעגען, פערליערענדיג ביידע נעמען, גאנץ דרייסט — אבזיפצען).

זי: זעצט אייך...

ער: דאנקע (זעצט זיך) א שען וועטער...

זי: (בעליידיגט. אז מען הויבט אן מיט איהר שמועסען פון וועטער) דומהייטען; האט איהר שוין געלעזען.. ?

ער: וואס?

זי: נו — דאס נייעסטע נייעס... גאנץ וואַרשוי רוישט...

ער: געבוירען געווארען איין אינדיק מיט צוויי, דריי קעפּ און אפשר גאר אהן א קאפּ? אפשר האט זיך בעוויזען א דבוק אין פראגא?

זי: פון לי—טע—רא—טור רעד איך...

ער: פון א ליטעראַרישען אינדיק?

זי: אך, ווא! פון ד״ר רונדשטיינס...

ער: זי מיינען דעם ד״ר רונדשטיין, דעם געוועזענעם שטילען גרויס־רעדאַקטאר פון קליין־שרייעדינען ציוניסטיש־גאליציש־וואַרשויער „ווכהוד", וועלכער האט זיך איבערגעוויקעלט צום ריין וואַרשויער איזראעליט, און אין איינוועגס געשטעלט זיך פאר איין אויסלענדיש־וואַסער־טרעגער אין „פשעגלאנד־טיגאַדניאַווי"?...

זי: געשריבען האט ער עס אין איזראעליט..

ער: און וואס האט ער געשריבען?

זי: א בעריהמט ארטיקעל! כמעט די גאַנצע פוילישע פרעסע האט עס איבערגעדרוקט!...

ער: דאס מוז שוין זיין א מאכל! דאס וועט שוין קיין „קויקעל" נישט זיין. ניין! אונזער ד״ר האט שוין געמאַכט א קאצען־שפּרונג... דאכט זיך - אַזא „נעביך", און אז מען דארף שפּרינגט ער, — אויף וועמען איז ער ארויפגעשפּרונגען?

זי: אַך דער טאַן אייערער! דער אייביגער גאלגען־הומאר..

ער: וועגען וואס שרייבט ער?

זי: וועגען פּויזנער יודען...

ער: וואס וויל ער פון זיי? שטילע מענשען... מען שטופּט זיי, מאכען זי שטילערהייט פליטה קיין בערלין.. די קהלות פאלען אב... נור שטיל!

זי: נישט וועגען דעם רעדט ער.. פערקעהרט, ער ערלויבט זיי אפילו צו בלייבען אין פּויזען, און צו זיין, ווי זיי זענען, דייטשען, עכטע דייטשען!

ער: ער, דער ציוניסט—ערלויבט, יודען זאלען זיין דייטשען?

זי: ער איז דען נאָך ציוניסט?...

ער: קען זיין נישט — נאך א קויקעל, צי א קאַצענשפּרונג — א יונגער מאַן, פאַר וואס נישט?!.. הכלל — זיי מעגען, זאָגט ער, זיין דייטשען...

זי: נור קיין האקאטיסטען נישט!...

ער: נו, דומהייטען! וואַסער־געדראַשען! דער שוואכער טאר קיינמאל נישט האלטען מיט'ן שטאַרקען געגען שוואכען!... קינדער אין די וויעגען, ווייסען עס!

זי: ער זאגט: זיי זענען!

ער: האט ער פאַקטען?

זי: אויסטראַכטען וועט ער נישט...

ער: קען זיין, מוחל! אין א גרויסער פאַמיליע טרעפען זיך אידיאָטען אויך! נאר צי האט ער בע״עכענט, וואס עס איז פאַרהאַן מעהר: פוילישע אַריסטאָקראַטען־פּריצים, וואס פערקויפען זייערע גיטער דער האַקאטע, דייטשען צו בעזעצען, אדער — יודישע האקאטיסטען?

זי: (אבגעפאלען ביי זיך) ניין... קיין פאקטען, בפרט קיין ציפערן איז אין אַרטיקעל נישט דאָ!

ער: וואס דען איז דאָ?

זי: עס איז דא נענוג! (מיט שטוינענדיגער ווארימקייט) א טאָן, א סטיל, א בעגייסטערונג...

ער: (אין איהר טאָן) הייספוילישער פאטריאטיזם פאַר $1\frac{1}{2}$ קאפּיקעס די שורה?

זי: (פערוואונדערט) מעהר נעמט ער נישט? (דערמאַנט זיך) אך — שלעכטער מענש! אליץ אויסגעלאַכט, ארונטערגעריסען...

ער: פערקעהרט — איך האַלט דעם אַרטיקעל פיר זעהר ניצליך...

זי: (מיט א ביסיל נצחון, דאָך אונרוהיג) א—הא!

ער: נאַטירליך — נאָך אזא ארטיקעל איז לייכט צו ווערען פּראָפעסאָר אין לעמבערג, אין קראַקוי.. ווילענריג צי נישט ווילענדיג געהט אַ מענש אין גלייכען וועג צו דעם, וואס גוט איז..

זי: פוי...

ער: שלעכט אדרעסירט, מאַדמואַזעל... שיקט ווייטער!

זי: (טראַכט א ווײַלע: יא בעליידיגען זיך, נישט בעליידיגען... ווארפט אויף איהם א בליק פון דער זייט; פלוצלינג לעבהאַפט) אבער די צווייטע העלפט!...

ער: דער ארטיקעל האט נאָך א צוויי־טע העלפט?!

זי: געווים, און א זעהר ראַדיקאלע, אבער נאר שטאַרק ראַדיקאל! ארויסגעטרעטען געגען קאפּיטאַליזם..

ער: מיט'ן פינגער אין שטיוועל — געשאָקעלט?

זי: (אונגעדולדיג) געגען בורזשואַזיע (היציג) ער זאָגט, אז כּל־זמן יודען וועלען דיענען צום גאלדענעם קאלב, כל־זמן יודען וועלען זיך וואלגערן אין בעל־בתי׳שען רינשטאָק...

ער: וועלען זיי זיין אַסימילאַטאָרען...

זי: אך, ווא! האקאַטיסטען וועלען זיי זיין!

ער: קאפּיטאַליזם — האקאטא — סיידען צוזאמען געבונדען מיט א ציצה!

זי: אַך, נור חוזק געמאַכט... די צווייטע העלפט איז זעהר שטאַרק! און ריהרענד אויך! ער פעררופט זיך אפילו אויף יודישע געבעטען...

ער: אויפ'ן סדור׳ל זיך געשטעלט?! אה! נאָך א שטאַרקער קויקעל!...

זי: יודען, זאגט ער, בעטען אויף שלום; אויף שלום צווישען מענשען און פעלקער... זיי בעטען, עס זאל אויפהערען קריעג, פערשווינדען קנאה־שנאה... זיי — טאָרען נישט זיין קיין האקאטיסטען...

ער: ריכטיג, מאַדמואַזעל... קיין האקאטיסטען טאָרען זיי זיכער נישט זיין... נאָר וועגען אַרטיקעל אליין, זעהט איהר, האב איך א טעות געהאט; עס איז גאר אין גאַנצען אונניצליך! א ברכה לבטלה: אומזיסט, הייסט עס זיך אין טאַטען אריין געשאָלטען!

זי: וואס ווייטער?

ער: זעהען זי — די פּויזנער יודען, וואס זענען, און מעגען, לויט ד״ר רונדשטיינס אַרטיקעל, זיין דייטשען זאגאַר עכטע דייטשען, לעזען

דעם פוילישען איזראעליט נישט... פאר זיי איז עס פערלוירענע שטראף־רייד... און קיין פראפעסאר אין לעמבערג צי אין קראקוי וועט ד״ר רונדשטיין וו״גען דער צווייטער העלפט ארטיקעל נישט ווערען... דער פאטריאטיזם פון דער ערשטער העלפט, זעהט איהר, איז גוט, זעהר גוט! דאס האט מען ליעב... ביי איין ארימען פאלק, ווי מיר אדער אפילו די פאלאקען זענען, איז פאטריאטיזם א גאנגבארע מטבע... אפילו געמאכטער — אלין בעסער ווי גאר נישט? אבער די צווייטע העלפט — אנטיקאפיטאליזם, נייע אידעען מאכען אלין צו שאנדען! דאס איז שוין סם... א טרפות פאר גאליציען — ניין, ער וועט קיין פראפעסאר נישט זיין... אויסער...

זי: (האלב פעראינטערעסירט, האלב בעליידיגט) אויסער וואס?

ער: אויסער, אז ער וועט די צווייטע העלפט אבריפען... א יונגער מאן — וועט ער מאכען נאך א קויקעל... נאך א קאצענשפרונג... וועט ער אפשר בלייבען אויף די פיס!...

זי: (כמעט מיט אבשיי) זי, שלעכטער מענש... נור מיט גאל, נור מיט גאל נטשפינען!

ער: (מיט א האלבען געניץ) בא! א גאל האט מען, שפייען גאנין אפט — מוז מען! אדיע!

זי: (קאלט) אדיע... (בלייבט זיצען).

ער: (געהט ווייטער, געהענדיג פייפט ער איין גריכיש ליעדיל).

פענעלאפא די ענוגה,
ארבייט האט זי פולע הענד...
שפינען שפינט זי גאנצע טעג —
און ביי נאכט ווערט אויפגעטרענט...
פענעלאפא די ענוגה... (עס יאגט אן א ווינטיל, צויאגט דאס פייפען איבערן גאנצען זאקסישען גארטען).

ענדע.

לצפר.

---

## אויף איין קווארטיר.

(פארטזעטצונג).

און אין דער שארפער, אונרוהיגער בעוועגונג פון זיין האנד וואס האט איהם אזוי נישט געפאסט, האט זיך אויסגעדריקט, אז ער האט זיך מיאש געווען צו געפינען דאס ריכטיגע ווארט אום צו ער־קלעהרען, וואס אין דעם פנים איז פאראהאן. פיינער האט דערקענט, אז ער האט עגמת־נפש דערפון און איז איהם מקנא דערמיט, וואס ער קאן זיך אזוי לייכט אויסדריקען.

מען האט אנגעצונדען א ליכט און עס צוגעטריפט צו איינעם פון די שטיקער חלב, וואס האבען זיך געפונען אסך אויפ׳ן טיש. די לופט אין דרויסען איז פלוצלינג שווארץ געווארען, און אויף די ווענד האבען די שאטען אנגעהויבען זיך אונרוהיג צו בעוועגען.

פיינער האט זיך געלעגט אויפ׳ן בעטיל און געקוקט אויף זיין חבר, וואס האט זיך יעצט נעדרעהט איבער׳ן צימער מיט פאמעליכע שווערע טריט און האט געטראכט. אין גאנצען איז ער עפיס היינט מאדנע אויסגעקומען. עפיס האט זיך פיינער׳ן געדאכט, אז ער האט זיין פנים ביז אהער נאך נישט אזוי געזעהן, אזוי ווייך, אזוי עלענד און אזוי ליעבליך. „ער איז פערליעבט", האט ער געטראכט. און עפיס א נייע געפיהל האט זיך אין זיין הארץ דערוועקט צו גוטמאן׳ן, א שטילס, א ווייכס און זעהר א גוטס, וואס ער פלעגט אפט פיהלען, א פערליעבט פאר פאלק אדער ליעבע קינדער זעהענדיג.

— זעצט אייך, גוטמאן, האט ער צוגערופען זיין חבר אנווייזענדיג מיט דער האנד.

— צו וואס?

— זעצט אייך, מיר וועלען רעדען.

גוטמאן האט זיך געזעצט.

— וואס? — האט ער געפרעגט, און האט זיך געוואלט באלד אויפהויבען פון ארט.

— זיצט, ווייזט דאס, — האט איהם פיינער אבגעהאלטען.

— מען ברויך נישט, — האט גוטמאן געענטפערט מיט שטאלץ, — איהר זעהט דא גאר נישט.

— נו איך האב מיך טועה געווען, איך האב נישט גוט גע־קוקט.

גוטמאן האט איהם דערלאנגט דאס בילד, און פיינער, ווילענדיג ווייזען זיין חבר, אז ער אינטערעסירט זיך זעהר, האט זיך אנידערגע־זעצט, צוגעבויגען זיך צום ליכט און לאנג געקוקט.

— יא — א! — האט ער זיך בעמיהט נאכצומאכען זיין חבר׳ס טאן, — יא — א.

— זעהט איהר! - האט גוטמאן געענטפערט און האט זיך דערפרעהט. ער האט נאכאמאל לאנג בעטראכט די קארטע, אריינגע־לעגט זי און איז געזעסען שטיל.

פיינער איז ארויסגעלאפען מיט א טשייניק און האט געבראכט טהיי און זעמיל. עפיס איז דאס צימער ווי ברייטער געווארען. ביידע האבען זיך געפיהלט הייטערער און ליעבליכער, און האבען גערעדט וועגען דעם, אז מארגען וועלען זיי געהן אין טהעאטער אריין, אז מארגען וועט פיינער בעקומען 3 רובל. נאכ׳ן עסען האט פיינער אנ־געוויזען מיט׳ן פינגער צום פענסטער און האט געזאגט:

— זעהט, גוטמאן, ווי דער הימעל איז לויטער געווארען. עס איז פריש יעצט.

— יא. — האט גוטמאן געענטפערט ערנסט. — קיין לבנה איז נישט דא.

— ס׳וועט זיין. פון אונטער יענעם דאך, קוקט, זעהט זיך א שיין, גוטמאן איז צוגעגאנגען צום פענסטער, צוריקגעקומען און געזאגט:

— יא. עס וועט זיין, קיין וואלקען איז נישט דא.

נאכ׳ן עסען האט זיך פיינער אויפגעשטעלט און געזאגט צו גוטמאן מיט א געלעכטער:

— איהר זייט אזא שווערער...

— איך? —

— איהר — האט פיינער געשמייכעלט, — לאזט וועל איך אייך פרובען אויפהייבען.

— ע...

— נו, שטעלט אייך אויף! — האט פיינער קאמאנדירט.

גוטמאן האט זיך פויל אנידערגעשטעלט, עפיס מאדנע נאריש לאכענדיג.

פיינער האט איהם ארומגענומען מיט ביידע הענד, אויפגעהויבען און ארבגעלאזט מיט אימפעט, מיער ווערענדיג. אויפ׳ן טישיל איז דאס ליכט אומגעפאלען, די גלעזער האבען געקלונגען, און אין צימער איז פינסטער געווארען. גוטמאן האט שוין געוואלט צוגעהן אנצינדען

דאָס ליכט, נאָר פֿיינער, פֿיהלענדיג עפּיס ווי אַ שכרות אין קאָפּ, האָט איהם איינגעהאַלטען.

— מען ברויך נישט! — האָט ער געזאָגט — לאָז זיין אַזוי. נו הויבט איהר מיך יעצט אויף.

— נו... צו וואָס? — האָט זיך גוטמאַן געבעטען.

— מיר וועלען זיין אויף „דו". נו, הויב דו מיך אויף!

גוטמאַן האָט אַרומגעוויקעלט זיינע הענד אַרום פֿיינערין. ער האָט איהם הויך אויפגעהויבען און רוהיג, פּאַמעליך אַראָבגעלאָזט.

אין דרויסען איז די לבנה פּונקט אַרויס פון אונטערין דאַך. אין צימער האָט זיך געלעגט איהר שיין, און ביידע האָבען זיך פֿערשעמט.

III.

דער זומער איז געוועזען אַ הייסער. עטליכע טעג נאָך אַנאַנד האָט זיך קיין וואָלקען נישט געוויזען. די גאַסען הימעל איבער די גאַסען האָבען אויסגעזעהן שטויביג, אָהן שום פֿאַרב און אויסדרוק. די גאַס האָט אַלץ גערוישט. מענשען, דערשוויצטע, פֿערהאָוועטע האָבען געאיילט און געלאָפֿען. און קוקענדיג אויף זייערע פּנים'ער, וואָס האָבען אויסגעדריקט נור ליידען, מיעדקייט און פֿערביסענהייט, וואָס האָבען זיך ווי געבעטען רוה, — איז עפּיס אויסגעקומען מאָדנע, אַז אַט די פֿערהאָוועטע מענשען מאַכען אָן דאָס גערויש און געקלאַפּעריי. קיין פֿריש פּנים, קיין פֿרייע, לעבעדיגע בעוועגונג איז אויף דער גאַס נישט געווען צו זעהן. און פֿיינער, אַרומשלעפּענדיג זיך פֿאַר נאַכט אויף די גאַסען דערשוויצט אין פֿערמאַטערט, האָט זיך געפֿיהלט אַליין געטריבען און געיאָגט, ווי די גאַנצע גרויסע מאַסע. בעטראַכטענדיג זיין לעבען ביז אַהער, דאָס אַלץ וואָס ער האָט געטהון און גערעדט, האָט ער זיך געפֿיהלט פֿאַר אַ דריידיל, וואָס איז געלאָזט געוואָרען און דרעהט זיך נאָר אָהן ווילען דערצו. אין די צוקונפֿט זיינע האָט ער מורא געהאַט צו קוקען, עס איז דערביי אויף איהם אָנגעפֿאַלען אַני'אומעט, און ער האָט די געדאַנקען דערשטיקט. נאָר אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלען און ער איז מיעד געוואָרען און האָט זיך אַהיים געשלעפּט אין צימער, איז איהם שווער געווען די געדאַנקען צו דערשטיקען. ער פֿלעגט שטעהן עטליכע מינוטען אונטער דער טהיר, האַלטענדיג די קליאַמקע אין דער האַנד, און האָט געוואַרט. און אין בעט ליגענדיג, האָבען די שווערע געדאַנקען צוגעפֿליסט אין זיין מח אַריין. ווי געפּרעסט וואַסער, פֿון אַלע זייטען. „אַ צובראָכען אייזערען בעט, וואָס האַלט זיך קוים — האָט ער געטראַכט — פֿיער ווענד, וואָס שטיקען, — אַט דאָס איז, דאָס לעבען מיינס, דאָס איז אַלץ, אַלץ..."

מיט גוטמאַן'ן האָט ער ווייניג גאָר גערעדט. ווען זיי זענען געוועזען צוזאַמען, האָט זיך געפֿיהלט, אַז חוץ זיי צוויי געפֿינט זיך נאָך אַ דריטע פּערזאָן, אַ פֿרישע, יונגע און גליקליכע לעבעדיגע בעשעפֿעניש. און רעדען האָט זיך פֿיינער'ן געוואָלט נור וועגען איהר. אָנהויבען האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך פֿאַרגעוואָ־פֿען, אַז ער איז מקנא זיין חבר, אַז ער איז אַ שלעכטער, פֿערביסענער מענש, וואָס האָט פֿיינד אַ גליקליכען, נור דערפֿאַר וואָס ער איז גליקליך. גוטמאַן האָט אויך ווייניג גערעדט. ער האָט אַלץ געהזר'ט, אַז ער דאַרף קריגען אַ בריעף און אַוועק פֿון וואַרשא. דער פּאַס איז איהם אויסגעגאַנגען, די קאַמאַשען זענען געווען צוריסען... און ביי דעם אַלעם איז ער געווען רוהיג, שטענדיג גלייך און צופֿריעדען, ווי נור מענשען, וואָס ליעבען...

— דו ביזט אַ גליקליכער מענש, — האָט אַמאָל און דער פֿריה פֿיינער געזאָגט צו זיין חבר, — דו ביזט רוהיג, ברויכסט נישט צו געהן אין דער דרוקעריי, האָבען צוטהון מיט די קאָרעקטען, האָפּסט און ליעבסט...

ער האָט זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט, אַרויסרעדענדיג, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זאָגען...

— מיר טהוט דער קאָפּ וועה... האָט ער פֿערריכט, און איז בייז געווען אויף זיך, צו וואָס ער זאָגט ליגען.

גוטמאַן איז נאָך געלעגען אין בעט. אין די האָר זיינע איז געוועזען אַסך פֿעדערען; די שיין פֿון דער זון איז איהם געלעגען אויף אַ האַלב פּנים, נור ער האָט דאָס נישט בעמערקט. ער האָט געביסען די הינטערשטע ליפּ און האָט עפּיס געטראַכט.

— קיין בריעף איז נישט דאָ, — האָט ער געענטפֿערט נישט צו דער זאַך.

— דו ווילסט טאַקי אַוועק פֿון וואַרשא? וואַרשא געפֿעלט דיר נישט?

— ניין, דאָ איז אונטערעסאַנט. נאָר דאָ איז עפּיס אַלץ פֿ־עמר...

— איך פֿערשטעה דיך נישט קלאָר. די מענשען געפֿעלען דיר נישט?

גוטמאַן האָט אָנגעקוקט זיין חבר מיט אַ איראָנישען בליק, ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— נעכטען האָט מען מיך נישט אַריינגעלאָזט אין זאַקסישען גאָרטען: מיין הוט איז צו אַלט... איך וועל היינט אַודאי בעקומען אַ בריעף.

גוטמאַן האָט זיך אויפֿגעהויבען און גענומען זיך אָנטהון. פֿיינער האָט געבראַכט זעמיל און טהיי. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ יונגען־מאַן. דאָס איז געווען אַ בעקאַנטער מיט זעהר אַ בלייך פּנים, מיט געגאָלטע באַקען און מיט אַ קליין שוואַרץ בערדיל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי צוגעקלעפּט. אַריינקומענדיג האָבען זיי געטראָפֿען גוטמאַן'ן זיצען ביים טיש; ער האָט געהאַלטען די קאַרטע פֿאַר די אויגען און האָט געקוקט.

דער בעקאַנטער האָט נישט געוואָלט עסען. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָב איבער דעם שטוב, האַלטענדיג דאָס שטעקעלע אין דער האַנד. ער האָט געטייט דערמיט פֿאַר זיך, און האָט גערעדט בייז, קוקענדיג אויף דער ערד:

— דאָס איז אַ שאַנד! אַריינצוטרעטען אין אַ בורזשואזישען מיניסטעריום! (אין פֿראַנקרייך זענען דעמאָלס אַריין אין נייעם מיניסטעריום צוויי סאָציאַליסטען). דאָס איז אַ שאַנד! אַ שאַנד! און אייך אינטערעסירט דאָס גאָר נישט! דאָס איז אַ חרפּה פֿאַר אַלע, יעדער ברויך זיך צו פֿיהלען בעליידיגט...

נאָר פּלוצלינג איז ער צוגעגאַנגען צו גוטמאַן'ן, געגעבען איהם אַ קלאַפּ אויפֿ'ן אַקסעל און געזאָגט, קוקענדיג אויף דער קאַרטע:

— אַ נו! ווייזט א י י ע ר ע! וואָס? די „באַבע" קושט אייך, נעמט אייך אַרום... טפֿוי!

ער האָט אויסגעשפּיגען.

גוטמאַן האָט געקוקט אויף דעם פֿלעק, וואָס דער שפּיי האָט געמאַכט אויף דער פּאָדלאָגע, דערנאָך אויף פֿיינער'ן און האָט גאָר נישט געענטפֿערט.

אַלע האָבען זיך שלעכט געפֿיהלט. דער בעקאַנטער האָט זיך באַלד געזעגענט „פֿון דעסטוועגען האָב איך צו אייך קיין צייט נישט", האָט ער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. פֿיינער'ן האָט זיך געדאַכט,

אז גוטמאַן איז אויף איהם בייז, וואס ער האָט דערצעהלט אַנדערע וועגען זיין ליעבע... ער האט זיך געפיהלט זעהר זינדיג און זעהר נאַריש. אין גוטמאַן'ס בליק האט ער געלעזען: „אַ מאוסער מענש ביזט דו! אַ נארישער פלוידערער!" פערנפערען האט ער זיך נישט געקענט. ער האט געלאָזט שטעהן אַ האלב גלאז טהיי אומאויסגעטרונקען און איז ארויסגעגאנגען. און אַראבגעהענדיג פון די שטיינען, האָט ער זיך געפיהלט אַרויסגעיאָגט פון זיין אייגען צימער דורך גוטמאַן'ן, און ער האָט נישט פערשטאַנען, צו וואָס ער האט צו טהון מיט דעם מענשען, וואס ער וויל אייגענטליך פון איהם...

„איך פערשטעה נישט, איך פערשטעה גאָר נישט!" האָט ער גע'חזר'ט פאַר זיך. און קוקענדיג אויף די גרויסע מויערען, אויף די מענשען אין דער גאַס, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האט קיינמאָל גאר נישט פערשטאַנען, אַז אַליץ וואָס ער האט גערעדט און געטהון, זייט ער געדענקט, איז נור דעריבער, ווייל עפּיס אַנדערש טהון און רעדען איז נישט געווען וואָס, אַז ביי איהם אין קאָפּ איז קיינמאל קיין געדאַנק נישט געווען...

ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס געשווינד, נישט וויסענדיג וואו אהין. ער האט זיך עטליכע מאָל אנגעהאַקט אָן מענשען, און יעדעס מאָל האט זיך יענער אָבגעשטעלט און איהם אָנגעקוקט עפּיס מיט אַ פּראַגע: „דול ביזט דו?" און פּלוצלינג ווי עפּיס אַ פּ־עמרע קראַפּט זאל איהם אבהאלטען, האט ער זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט צו זיך:

„לאַז קלעהרען!"

דער שטאָדטזייגער פון דער הויכער קירכע האט געשלאַגען. פאַר'ן בילד האָט געקניהט עפּיס אַ פּ־ויענצימער און האט געבעטען. אויפ'ן ראָג פון אַ נאָהנטער גאַס איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט און האָט געקוקט אויף איהם.

ער האָט געוואָלט איינמאָל קלעהרען ווי געהעריג, וויסען וואו דער געדאַנק הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס, נאָר שטעהענדיג אויף די גאַס עטליכע סעקונדען, האָט ער נישט געוואוסט, פון וואָס ער האָט אייגענטליך צו טראַכטען, און ער האָט גענומען געהן ווייטער מיט פּאַמעליכערע טריט.

עס איז געווען קעגען צעהן. אין דער דרוקעריי האָט זיך איהם נישט געגלוסט צו געהן. דאָרט האָבען אויף איהם געוואָרט קאָרעקטען, וואָס ער וואָלט יעצט נישט געקענט לעזען. ער איז דורכגעגאַנגען עטליכע גאַסען און האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַר עטליכע טעג האָט ער דאָ בעגעגענט זיינס אַ בעקאַנטען פון עטליכע יאהר צוריק. דער בעקאַנטער וואָס האָט זיך אַמאָל אינטערעסירט מיט אַלעם, מיט וואָס פיינער האָט זיך אינטערעסירט, האָט פאַר צוויי יאָהרען התונה געהאָט; ער האַנדעלט היינט מיט פלעצער און וואהנט אויף אַ זומער־וואהנונג, נישט ווייט פון ווארשא. יעדעס מאָל, ווען זיי בעגעגענען זיך אויף דער גאָס, שמייכעלט דער בעקאַנטער, פרעגט, פאר וואָס ער קומט נישט אַמאָל אַריין צו איהם, און שלעפּט פיינער'ן שטענדיג מיט מיט זיך אַ האַלבע גאָס, טהיימאָל עטליכע גאָסען, און יעדעס מאָל פיהלט זיך פיינער בעליידיגט מיט יענעמ'ס שמייכעל און מיט זיין אייגענער שוואַכקייט, וואָס ער לאָזט זיך פון יענעם שלעפּען... ביים לעצטען בעגעגענען האָט דער בעקאַנטער געבעטען, ער זאָל אַרויסקומען צו איהם אויף די זומער־וואהנונג אַמאָל, ווען ער וועט האָבען צייט. „קומט אין דער פריה, — האָט ער געזאָגט, אַז זיי האָבען זיך געזעגענט — „און אויף דער נאַכט וועט איהר קאָנען זיין צוריק".

„און אין אמת אַריין", — האָט פיינער געטראַכט, „איך בין שוין לאַנג נישט געווען אונטער דער שטאָדט".

ער האָט נישט געהאָט קיין צייט צו טראַכטען, ווייל צום צוג איז געווען שפּעט, און ער האָט זיך געלאָזט געהן מיט גיכע טריט צום באַהנהויף. און געהענדיג, איז ביי איהם געווען אַזאַ געפיהל, ווי עמי'ץ יאָגט איהם און דער „עמי'ץ" איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי גוטמאַן...

„וואָס וויל ער פון מיר?" — איהם איז געוואָרען אַ רחמנות אויף זיך אַליין, און איהם האָט זיך געוואָלט וויינען.

---

אויף די פעלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען ווייט און ברייט, איז געווען אַ סך גרינס און ליכט. ווען די לעצטע צוואַרפענע הייזער האָבען זיך געענדיגט, האָט פיינער געפיהלט עפּיס אַנ'ערלייכטערונג, ווי איהם וואָלטען ביז אַהער דערקוטשען פליגען, און איהם איז געלונגען די לעצטע אָוועקצויאָגען. ער האָט אַרויסגעבויגען דעם קאָפּ פון וואַגאָן, און די אויגען זיינע האָבען זיך געפרעהט, קוקענדיג אָהן שום שטערונג. אין עק האָריזאָנט האָט זיך געזעהן אַ וואַלד, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ שוואַרצער פּאַס. איבער דעם פּאַס האָט זיך געצויגען אַ גאַנצע מחנה גרויסע און קליינע וואָלקען, וואָס האָבען בעלייט דעם געהענדען צוג שטיל, רוהיג און ערנסט. בשעת דאָס אַלץ, וואָס איז געווען נאָהענט, האָט זיך געאיילט און איז אָבגעשפּרונגען אין דער אַנדערער זייט אונגעדולדיג, האָט דאָרט אין עק האָריזאָנט אַלץ אויסגעזעהן רוהיג, שטיל און זיכער. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ סך געפּייפט און געשטערט. דער צוג האָט זיך אַלע ווייַלע געשטעלט, און אַז ער איז צוגעקומען צו דער לעצטער סטאַנציע, האָט זיך פיינער'ן נישט געגלוסט אַראָבצוגעהן; איהם האָט זיך געוואָלט לאַנג נאָך שטעהן ביי'ם פענסטער און אַרויסשטעקען דעם קאָפּ.

אַרויסגעהענדיג פון וואַגאָן, איז ווידער געוואָרען אונרוהיג: ער האָט זיך בעדאַרפט נאָכצופרעגען, וואו עס וואהנט זיין בעקאַנטער און אַריינגעהן צו איהם, בעקענען זיך מיט זיין ווייב, רעדען און אפשר עסען דאָרט... און דאָס אַלץ איז איהם שווער געווען. דער צוג האָט שוין געהאָט אָוועקגעגאַנגען, און ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען ביי דער סטאַנציע און האָט געטראַכט. די עטליכע פּאַסאַזשירען, וואָס האָבען אַרויסגעשטיגען מיט איהם צוזאַמען, האָבען זיך געקושט מיט די, וואָס האָבען געוואַרט אויף זיי. עפּיס אַ קליין יונגיל האָט געהאַלטען איין עלטערן מאַנ'ס האַנד — קענטיג, אַ פאָטער'ס — אין זיינע און האָט זי געקושט. דער פאָטער האָט זיך געאיילט און איז גיך געגאַנגען, האַלטענדיג אין דער צווייטער האַנד אַ רייזעקעסטיל, דאָס קינד איז נאָכגעלאָפען און האָט זיין האַנד נישט געוואָלט אַרויסלאָזען... פיינער האָט דעם מענש מקנא געווען: און ווען ער וואָלט דעם קינד'ס האַנד אַרויס־רייסען פון פאָטער'ס האַנד, וואָלט ער געפיהלט' אַז ער האָט גוט געטהון... באַלד זענען אַלע מענשען פערשוואונדען, בעהאַלטענדיג זיך, ווי די פייגעל, ערגי'ץ צווישען די בוימער. און פיינער האָט פאַר זיך קיינעם שוין מעהר נישט געזעהן, חוץ דעם וועכטער, וואָס איז געשטאַנען מיט דער טרומייט אין דער האַנד, געקוקט אויף דער ליניע און האָט עפּיס געטראַכט.

כדי דער וועכטער זאָל איהם נישט בעמערקען און זאָל אויף איהם נישט וואַרפען עפּיס אַ חשד, איז פיינער צו איהם צוגעגאַנגען און האָט געפרעגט די אַדרעסע, וואָס דער בעקאַנטער האָט איהם געגעבען.

פרענענדיג, האט ער געטראכט, אז ער האט דערמיט נאך נאר נישט אנגעוואהרען, אז ער האט נאך די ברירה צו דעם בעקאנטען נישט אריינצוגעהן. דער וועכטער האט איהם אויסגעהארכט זעהר ערנסט, ער האט אנגעוויזען מיט דער האנד אויף די אלע און געזאגט: „די דריטע רעכטס", און האט איהם נאכגעקוקט, אין פיינער האט זיך וויעדער גע־פיהלט נישט פריי און האט זיך געוואלט בעהאלטען פון זיין בליק.

ער איז אריין אין א'נ'אלעע, צווישען צוויי שורות ווילען. פון ביידע זייטען האבען זיך געזעהן מענשען. ערגיץ האט מען א פאהרעגניל אוועק גערוקט, און פיינער איז געגאנגען גיך, פיהלענדיג זיך בעלייט פון ביידע זייטען מיט פרעגענדע בליקען: „ווער איז דער? וואס טהוט ער דא? וואו וואהנט ער?" אויף די אלע פראגען האט ער אליין נישט געהאט קיין ענפער... און אז ער איז דורך די דריטע ווילע, און איהם האט קיינער נישט אבגעשטעלט, איז איהם געווארען לייכטער, און ער האט אויפגעהויבען די אויגען...

ער איז ארויס אויף א פלאטץ, וואס איז געווען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט וועלדליך, קענטיג. איז דאס געווען א פערלאזט ארט, וואו קיינער איז נישט געגאנגען. די ערד איז געווען זאמדיג, ערטערווייז נור בעדעקט מיט גראז, און עטליכע קליינע, זעהר נידריגע ביימליך האבען זיך, ווי געמאטערט צו ציהען פייכטיגקייט פון דעם זאמד. זיי האבען אויסגעזעהן טרויריג און עלענד. פון וואלד ארום האט זיך געהערט א גערויש פון צווייגען אין א געשריי פון קראען... דא איז געווען שטיל. פיינער האט זיך געפיהלט פריי פון מענשליכע בליקען און פין זיך אליין... די זון האט געברענט. דער הימעל איז געווען ריין, בלאה און טיעף. פיינער האט שוין לאנג אזא הימעל נישט געזעהן, נאר קוקען אויף איהם לאנג. אפילו אין דער זייט, וואו די זון איז נישט געווען. איז אינמעגליך געווען, — אזוי פיעל ליכט איז געווען אויסגעגאסען אומעטום. ער איז נאר לאנג דא ארומגעגאנגען, און אין מח ביי איהם האט זיך קיין געדאנק נישט געריהרט. דער קאפ האט אנגעהויבען שווער צו ווערען, און די שלייפען האט געהאקט: „איינס, צוויי, דריי..." די היטץ האט אלץ גע־קוועלט, און איהם איז שווער געווארען צו שלעפען די פיס...

ער איז איינגעשלאפען אין וואלד אויף דער ערד. אז ער האט געעפענט די אויגען, איז זיין בליק געפאלען אויף די שטיקער הימעל, וואס האבען זיך געזעהן צווישען די צווייגען. עס האט זיך געשלעפט א וואלקען פאמעליך און פויל. פון ווייטען האט דער וואלד גערוישט, און עטליכע פייגעל האבען געפישטשעט... אין גאנצען איז ער געווען דורכגענומען מיט עפיס א פוילקייט; ער האט געפיהלט אונטער זיך די ערד און דאס קלאפען פון זיין הארץ אויף איהר, און איהם האט זיך נישט געוואלט קיין ריהר געבען מיט אג'אבר. ער איז געלעגען און האט ארויסגערופען אין זיין מח ערינערונגען פון היינטיגען טאג, און אלץ האט אויסגעזעהן ווי א חלום אזוי, אז ס'האט זיך איהם געוואלט ווייטער נאך חלומען... נאר די אויערען זיינע האבען דער־הערט נאהענטע מענשליכע שטימען, א געלעכטער און א געלויף, און ער האט זיך ראש אויפגעשטעלט אויף די פיס. נישט ווייט פון איהם, צווישען די ביימער, זענען געלאפען עטליכע יונגע מיידליך און נימ־נאזיסטען און האבען הויך געלאכט. ער האט זיך געאיילט ארויסצו־געהן פון וואלד, און האט אלץ נאך נישט קלאר געדענקט, ווען און ווי אזוי ער איז דא אריינגעקומען. עפיס האט זיך איהם געדאכט, אז עמיץ האט איהם געוועקט, געפרענט עפיס ביי איהם, ווען ער איז געשלאפען, נאר ער איז גענוען מיער און האט זיך געפוילט צו עפע־נען די אויגען.

די זון איז שוין געווען נידריג. צים צוג איז נאך געבליבען אנ־ערך פון צוויי שעה, און ער איז א־אבגעגאנגען צו דער ליניע, אריין אין די שאפע, וואס האט געדיענט פאר א באהנהויף. ער האט זיך געזעצט אויף א באנק, פערלענט די הענד און האט געקוקט אין דער ווייט.

(ענדע קומט).

ה. ד. נאמבערג.

---

# נ ד ב ו ת:

(דורך דער אדמיניסטראציאן „דער יוד" קראקוי).

## פיר דעם יודישען נאציאנאל־פאנד

| | ק׳, ר׳. |
|---|---|
| נאסף ע"י ה' ליב פרייטאג: ה"ה פרייטאג 50 ק', פעלס, אייזענבערג, זיטענפעלד, אפאל וקראנע כ"א 30 ק', פריעדמאן 25, פראנער 20, גאלדמאן ובארטמאן כ"א 15 ק', הנותר אנשים שונים | 4 05 |
| נאסף ע"י ה' יוסף הירשבערג | 1 10 |
| ע"י ה' קעניגסבערג בליל תשעה באב מאת: ה"ה האכשטיין 1 ר', שלאייען 75 ק', קעניגסבערג, אלטשעניק שלאייען, פליישמאן ושלאייען כ"א 50 ק', האכשטיין 45 ק', בראנשטיין 40, קעניגסבערג 30, טעלערמאן, זאאל, גלאזמאן, באראש וגלאזמאן כ"א 20 קאפ', הנותר—אנשים שונים | 6 65 |
| על משתה ב"מ אצל אברהם בן נחמן כהן נאסף ע"י ה"ה רויטמאן וזיגעלבוים מאנשים שונים | 5 05 |
| ע"י ה' נפתלי פאסוואלסקי נאסף מאת ה"ה מעשמאן 50 ק', בערמאן 30, ריזוענזאן, עזרי, ריזוענזאן, נאוויק, יתום, שרייטמאן ובערמאן כ"א 25 ק', השאר - אנשים שונים | 2 80 |
| ה' יצחק בראנאטשאוו | 1 — |
| השר רייזנער, שטיינבערג ודורין כ"א 50 ק', שיק פילסקע, קראווצאוו, לודינסקי ואלכאוויץ כ"א 30 ק', פיידווייציק, שפילאנסקי, לעווין, ליאקאמאוויטש, בערג, מאושאוויץ, כהן, לעווין זובארסקע כ"א 25 ק', ה"ה קלוגמאן, פאראדיז, ואשכנזי כ"א 20 ק', השאר—אנשים שונים | 6 50 |
| בהתאספנו בת"ב בהקנטורא של ה' רביקוביץ למנין לבכות את שבר עמנו ואת חרבן בית מקדשנו נדב כ"א ע"י ה"ה יוסף ועקיבא רביקוביץ ונאסף | 8 50 |
| על חתונת בתו של ה' משה קופיעץ נאסף | — 50 |
| חברי „אגודת הציונים בלאייעוו" קראו ל„שבת הזון" חול ונדבי אשר חשבו | 3 64 |
| האחיות בעקמאן מברכות את יוסף ואת שרה חי' קאספער להולדת בתם ומנדבות | — 80 |
| ה"ה צווילינג, זעלפמאן, שקאלניק ועוד מברכים את שכנא פאלשטיין להתונתו | 1 75 |
| על סעודת פדיון הבן מענדיל בליומין נדבו: אבי אם הנפדה 1 ר', ה' ווייספאפיער 75, אבי הבן 50, ה"ה אלפערן ורובינציק כ"א 30 ק', ה' טארנאפאלסקי 20 ק', השאר - אנשים שונים | 5 65 |
| נאסף ע"י ה' דוד ברוידא מאת ה"ה ריינהערץ, גלאס וליפ־שאוויץ | 1 35 |
| ב. חאזין ורעיתו מברכים את א"ש מאנאזאניק לחתינתו | 1 — |
| | 50 34 |

דורך ה' הילפשטיין קראקוי: ה' סינא פעלץ 2 קר; ה' בנימין נ. שפירא 2 קר'; ה' ציפער 0,50; ס"ה 2,50 קר.

די מיטגליעדער פון ח' „אהבת ציון", האנאווער, צו דער חתונה פון זייער מיטגליעד ה' וועננער 3 מארק—3,51 קראנען.

בס"ה 60,06 ר'; 38,08 קר'; 57,99 פראנק.

---

## לטובת הביבליותיקה „בית נאמן" בירושלים.

במקום טלגרמה לחתונת הסופר מר דוד פרישמאן (10 סעפטעמבער) נדבו ה' יוסף פישער בקראקא 3 קראנען, ה' י. קרפל בקראקא 2 קראנען.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau

אין אמעריקא איז צו אבאנירען דעם „יוד" אין „די יודישע פאמיליע" אויך אללע אויסגאבען אחיאסף׳ס
בײ: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן.

אבאנענטען נו׳ נו׳ 4364—רעזיצא, 4573 — צענסטאכאוו, 4720—בריטשאנס, 5140—באקו, 4654—ווילנא: אייערע אנענטען האבען פאר אייך נאך ביז איצט די III ראטע נישט אויפגענעבען.

אבאנענטען נו׳ נו׳ 5732 — זיטאמיר, 5643 — יוואווקא: ווייל מיר האבען ערהאלטען פון אייך אויף דעם „יוד" מעהר נישט ווי צו 4 ר׳ — האבען מיר דערום אויפגעהערט צושיקען צו 1 אויגוסט.

אבאנענטען נו׳ נו׳ 5294 — גרינאריאפאל, 2315—חאלם, 3047 — יעוופאטאריע: פון אייך קומט נאך צו 50 ק׳; ביטע צו שיקען.

נו׳ 4116 — נעניצענסק: „למען האמת ולמען אהבת ציון" זאלען מיר אייך שיקען נאך אמאל א נומר 25?—שיקען מיר אייך.

נו׳ 2657—זאמאשין: ביטע פאר די 4 נומערן 60 ק׳.

ה׳ ה. ש. מ. טורבאוו: אויב עס וועט זיין עפים רעכטס - וועלען מיר אננעהמען.

ה׳ ב. י. — סעוואסטאפאל: איהר האט געשיקט 2 ר׳ און 3,50 ר׳, ביטע נאך 1 ר׳.

נו׳ 1616 — ווארשא: „איין קאטאלאג פון אלע דייטשע צייטונגען וואס עס געהט נאר ארוים אין דייטשלאנד" האבען מיר לײדער נישט. אלע־פאלס צו „טעכניק" געהער דאס נישט.

ה׳ ק—סקי—רייגראד: איהר האט „ערקלערט, ערטראכט איינע נוטע ליעד, „געדיכטע" אין 14 פעלדשון, זשארגאן, איינע נוטע פרוכט, בעסער ווי די בעסטע פרוכט אין דער וועלט" און איהר קענט „געבין איהגען האפטע גוטע פרוכט".. מיר דאנקען אבער אייך זעהר: מיר האבען גענוג אזעלכע פרוכט...

נו׳ 2390—לובלין: מיר „שעיקען אייך אפאר ווערטער": איז נישט געדרוקט אייער פעלעטאן האט ער מסתמא נישט זוכה געווען.

נו׳ 3167—סנאווסק: איהר האט אויף דער „פאמיליע" מעהר נישט געשיקט ווי 75 ק׳; ביטע די אנדערע 75 ק׳ צו שיקען.

נו׳ 2598—קדימה: איהר האט דאס ערשטע מאל אויך מעהרנישט געשיקט ווי 2,75 ר׳.

נו׳ 2049—פאוולאווסק: איהר האט געשיקט 2 ר׳ און 2 ר׳ אלוא קומט נאך 1 ר׳.

נו׳ 2797—דוואייעיוצי: די מעטאדע אויף זעלבסט-ערלערנען ענגליש קאסט 80 ק׳ מיט פארטא. — פיר דער נומער ביטע 15 ק׳.

ה׳ מ. ח. מסטיסלאוו „פישקע דער קרומער"—45 ק׳. איהר קאנט שיקען אין פאסטמארקען.

ה׳ א. מ. וו—זאוויערצע: זוכט נאך אין איין העברעאישען קאטאלאג: אלץ אויסצושרייבען איז שווער.


# מארגוליעס אונד טוגענדרייך

ווארשא, הלאדנא נומר 2.

(Маргулисъ и Тугендрейхъ, Варшава, Холодная 2)

## הויפטלאגער דער אנילין־פארבענפאבריק

שניעבאווסקי און הארדליצקא

אין זגיערז

עספפיהלט:

אנילינפארבען דירעקטציהענד אויף בוימוואללע, האלבוואללע, וואללע אונד זיידע אין דערזעלבען קוואליטעט ווי אויסלאנדישע פארבען, זעהר קאנצענטרירט.

588

פערקויף אנגרא אונד דעטאיל.


## רשימת ספרים חדשים גם ישנים

### שנכנסו לבתי מסחר הספרים של חברת „אחיאסף" ווארשא

א) טווארדא נו׳ 6. ב) נאלעווקי, איוואנאוו־באזאר.

| | קאפ | רו"כ |
|---|---|---|
| מאין ולאן. ספור ה. א. ברודס | 20 | |
| מבוא לסדר עולם רבה. מאת ב. ראטנער | — | 1 |
| מורה לטף. להורות למו ראשית דרכ השפה העברית ודקדוקיה על פי מאמרים קלים מאת י. ארליאנסקי | 15 | |
| נחלת אבות. ספור. מאת צ. א. טעללער | 25 | |
| נבל עשרים. שערי ציון מאת משוררים שונים לשיר במקהלות. בשני חלקים נאספו ע״י ז׳ עדעלשטיין | 20 | |
| ספורי מענדעלי מו״ס חלק ראשון | — | 1 |
| סדר עולם רבה מכת״י ישנים וחדשים מאת ב. ראטנער | 50 | 1 |
| עברית בעברית. ראשית למוד שפת עבר על פי השטה הטבעית מאת י. אפשטיין. | 50 | |
| עוזר המורה והתלמיד. חומש לבתי ספר ולעם ללמוד וללמד תורת ד׳ על פי שטה חדשה וקלה חמשה ספרים כל ספר | 50 | |
| עיר דובנא ורבניה. אשר כהנו בתוכה. ומעט מקורות חייהם מאת פנחס פעסים | 30 | |
| עלים לתרופה מאת. י. גאלדענווייזער | 30 | |
| פנקס פתוח. קבץ ספורים, משלים שירים ומכתבים וכו׳ בשפ״ע מאת נ. מ. שייקעוויטש | 25 | |
| ציורים מחיי עמנו בהעבר ובההוה מאת י. וויינבערג | 15 | |
| קורות היהודים בספרד. מאת א. ש. פיירבערג ב״ה | 90 | |
| שלומים לריב ציון. מאת י. ל. יאפו | 20 | |
| שפה לנאמנים. ללמד שפ״ע על טהרת הקדש מאת א. ש. פרידבערג. עם המשלוח | 80 | |
| תורה נביאים וכתובים. בכרך אחד מאת י. י. אינדיצקי | 50 | 1 |
| תורה. מאנדעלשטאם עם תרגום רוססי | — | |
| איבער דאס ערנעהרען דאס קינד. אין דעם ערשטען לעבענס־יאהר פון ד״ר שלאפאבערגסקי | 35 | |
| דער פאלקספריינד. א ליטעאריש וויסענשאפליכעס זאממעלבוך פון ה. וויכנין | 10 | |
| דער וועלט וויצלינג. פון עוזרקע דעם שטאדט חכם | 15 | |
| דער מענש און זיין נשמה, פון ד״ר ס. אינגערמאן | 6 | |
| די מזיקים. און אנדערע ערצעהלונגען פון ב. גארין | 25 | |
| יודישע פאלקסלידער מיט נאטען פון מ. מ. ווארשאווסקי | — | 1 |
| לידער אין געדיינקען פון ש. פרוג | — | 1 |
| מליץ יושר (רבי יאזעלמאן) היסטארישע אפערע פון א. גאלדפאדען | 25 | |
| נאטור אין לעבען. ראמאנען ערצעהלונגען. דראמען, א. ז. וו. פון י. טער | 60 | |
| קאלט און ווארם. וויסענשאפטליכע רייזע בעשרייבונג פון א. טאנענבוים | 60 | 1 |
| שירי הזמן. אדער פאלקסלידער פון ש. לעווין | 15 | |
| שמר׳ס פנקס (דער צווייטער טהייל שמרס בריפשטעללער) ערצעהלונגען, פאבעלען. בריעף א. ז. וו. | 30 | |

(המשך יבא).

כל המקחים הם לבד המשלוח ובעד המשלוח יתוסף 15% ממחיר הספר.

בנאכנאהמע בלי דמי קדימה לא ישולח.

Verlag „Achiasaf", Warschau.

Издательство „АХIАСАФЪ", Варшава.

✼ ЛЕЧЕБНИЦА — LECZNICA ✼

ווארשא, מוראנאווסקא 3

אין דער ניי געעפנעטער היילאנשטאלט (ווארשא מוראנאווסקא 3) ווערען טעגליך אנגענומען קראנקע דורך פערשיעדענע דאקטוירים — ספעציאליסטען:

דר. אפענהיים — פאר האלז-נאזע און אהרענקראנקהייטען

דר. ביחאווסקי — פאד אינערליכע און נערוועןקראנקהייטען

דר. סאלאווייציק — פאר חירורגישע קראנקהייטען

דר. סטערלינג — פאר הויט און געשלעכטסקראנקהייטען

דר. ז. ענדעלמאן — פאר פרויענקראנקהייטען

דר. ל. ענדעלמאן }
דר. פיינשטיין } פאר אויגען־קראנקהייטען

דר. פאליקיער — פאר קינדער קראנקהייטען

דר. רובין — פאר מאגען־ און דארמקראנקהייטען.

586 פרייז 30 קאפ.

---

## אין קורארט מעראן

קענען יודען איינשטעהן ביי יהושע סאנדאמירסקי פון קרעמענטשוג, וועלכער האט זעהר שענע צימערן מיט באלקאנען און מיט עלעקטרישער בעלייכטונג און בעהאנדעלט זעהר פריינדליך און נעמט ביליגע פרייזע.

אדרעסע: G. Sandomirsky, Kurort Meran, Villa Friedrich

---

## !!! Вниманію Дамъ !!!

МАГАЗИНЪ МОДНЫХЪ ЖУРНАЛОВЪ *и выкроекъ*
*Подписка продажа и высылка отдѣльн. нумерами. Полученъ свѣжій транспортъ разныхъ понорамъ и альбомовъ модъ верхн. и нижн. вещей на зимній сезонъ. На складѣ имѣется большой выборъ разныхъ манекеновъ.*

485 *Я. А. ПОЖАРИКЪ, ВАРШАВА, ДОЛГАЯ 43.*

---



## גענען מערידען און פוקלעם!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך
אהנע אפעראציע פרייז 2 ר׳ 50 קאפ.




**Д. МОШКОВСКІЙ**, Варшава, Мурановъ 16
**съ І-го Іюля Налевки 37.** 503

---

אלע סארטען

## פילצשטאפען

צור פאבריקאציאן פאן פאנטאפעל, היטען אד״ג. עמפפעהלט:

ROBERT WILCZYŃSKI

ווארשוי לעשנא נר׳ 4.

דאזעלבסט בעקאמט מאן נעהמאשינען דירעקט אויס די פאבריקען בערנהארד סטעווער, גריצנער עט ווינזעלמאן.

589

☞ פרייזקוראנטען גראטיס און פראנקא. ☜

---

## פרייליינען און דאמען

ענ ען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין א קורצע צייט דורך בריעף אין זשארנאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,
507 Варшава.

---

יעדער וועלכער וויל בעקומען פרישע שמאקהאפטע היימישע מיטאגען צו מעסיגע פרייזען קען עס בעקומען ביי

## י. ה. פאזשעס, ווארשא

דזיקא 11, וו. 13 1־טער שטאק.
573

---

סטעמפעל גראוויר חתימות און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און ביליג פערפערטיגע




ВАР ШАВА
**Гусья 5.**

איך שיק אויך פער נאכנאהמע

---

ווער עס וויל האבען א געזונטען מאגען זאל קומען צו מיר מיטאגעי ווער עס וויל האבען פרישע עסען זאל מיין אדרעסע נישט פערגעסען

ל. לעווין גענשא 18, פארטער.
581

---

## מעשענע שטעמפעל

און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און ביליג, ביי

**А. Мокъ, Варшава**
544 Купеческая 12.

איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

---

## !! מעבלירטע צימער !!

מוסטערהאפט זויבער און בעקוועם איינגעארדענט, אים פרייזע פון 50, 60, 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו״ב א טאג. בארע־צימער (וואננעם), גאז־בעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פרישע און שמאקהאפטע פון 35 קאפ. אן סאמאווארען א 10 קאפ.

ח. דווארעצקי, סט־יערסקא נר׳ 34.

Меблированныя омнаты
Х. М. Дворецкаго, Варшава
388 Св. Георгія 34

---

## נייע אנזיכטסקארטען!

פאלנישע יודענבילדער, סצענען אויס דעם יודישען לעבען, בילדער פאן פאלאסטינא, ראש־השנה־וואונש אונד שערצקארטען אין רייכסטער אויסוואהל בילליגסט

דורך

**Heinrich Fenichel**

KRAKAU, Starowiślna 43.

אויסוואהלמוסטער פראנקא גענען איינזענדונג 2 קראנען (אויך אין מארקען).

בוכהאנדלער העכסטער ראבאטט.

---

## מעבלירטע צימער.

בעעהרע מיך אנצוצייגען, דאס איך האב ערעפענט מעבלירטע צימער אויף נאלעווקי נר׳ 34 געראמיגע און בעקוועם איינגעריכטעט און ווערדע יעדען גאסט צופריעדען שטעלען ווי אם בעסטען

א. ב. זיידעס אויס סלוצק.

---

עס איז ארויס פון דרוק

## ׃ ׃ ׃ ״חברת לבנון״ ׃ ׃ ׃

די ערשטע סעריע 21 שטיק

594 איללוסטרירטע

# פאסט־קארטען

פאטאגראפיעס:

פון נ. סאקאלאוו; י. ל. פרץ; מ. ספעקטאר און שלום-עליכם.

בילדער אויס דעם יודישען לעבען געארבייטעט פון די בעריהמטע קינסטלער:

ש. הירשבערג; ל. פיליהאווסקי; מ. טרענבאטש; איזידאר קויפמאן; ה״בית הנאמן״ עם תמונת דר. האזאנאווייץ און אנדערע.

פרייז פיר יעדע פאסט ארטע 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ. פרייז פיר די גאנצע סעריע 21 פאסטקארטען 2 רובל מיט פארטא. פיר בוכהענדלער ראבאט! דער ריינער פערדיענסט איז בעשטימט פיר דעם נאציאנאלפאנד און נאציאנאל־ביבליאטהעק אין ירושלים.

אדרעסע:

*Товарищ. „Ливанонъ“, Варшава, Леопольдина 19.*
*Societé „Libanon“, Varsovie, Rue Leopoldyny 19.*

צו בעקומען אויך אין צוקערמאן׳ס בוכהאנדלונג:

*Книжный магаз. А. Цукермана, Варшава, Налевки 7.*

---

בהנחה הגונה — מספר מסוים

# הדור

## שנה אחת

קומפלטים שלמים ומכורכים הדר

נמצאים למכירה

במחיר 3.80 עם המשלוח